STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03241

AB. KAHAN UN DER BUND IN POYLN

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אב. קאַהאַן
און דער „בונד“
אין פּוילן

אַרויסגעגעבן פון
בונדישן קלוב אין ניו יאָרק
מערץ, 1932

אינהאַלט:

זייט

פּאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — — — 5

אַ זשורנאַל פאַר דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון בונד" אין סאָוועט־רוסלאַנד. פון אב. קאַהאַן — — — — — — — — — 7

דער ענטפער פון חבר ז. אַרטור — — — — — — — — — — — 16

אַב. קאַהאַנ'ס ענטפער — — — — — — — — — — — — — — 27

טענות צום „בונד". פון ה. ערליך — — — — — — — — — — 45

דער יובילוי צוזאַמענפאָר פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד אין אַמעריקע. פון ז. אַרטור — — — — — — — — — — — 62

„אַ פייג איבער'ן גרענעץ" — — — — — — — — — — — — — 71

ווי אַזוי ד. שוב אינפאָרמירט וועגן „בונד" אין פוילן — — — — 75

פאָרוואָרט

צווישען גענאָסע אב. קאהאַן, רעדאקטאָר פון „פארווערטס" אין ניו יארק, און איינינע אָנגעזעענע טוער פון בונד אין פוילען, האָט זיך לעצטענס אנטוויקעלט א פאָלעמיק וועגען סאָציאליזם — ווער פון זיי, דער בונד אין פוילען, אדער גענאָסע אב. קאהאַן, פאסט אויף ריכטיגער די אויפגאבען און פערספעקטיווען פון סאָציאליזם אין איצטיגען מאָמענט, ווי אויך איבער דעם: וואס איז דער פוילישער בונד: קאָמוניסטיש אָדער אויסגעהאַלטען סאָציאַליסטיש?

די דיסקוסיע ברענגט אַרויס די וויכטיגסטע מיינונגס־פארשידענהייטען, וועלכע הערשען איצט אין די סאָציאליסטישע פארטייען פון גאָר דער וועלט. זי איז זייער וויכטיג און אינטערעסאנט, ניט קוקענדיג אויף דעם פערזענלאכען און פאָלעמיש־בייסענדען טאָן, וואס גענאָסע אב. קאהאַן טראָגט אין איר אָפט אַריין.

אָבער די אידישע לעזער פון אמעריקע, ווי די אידישע לעזער פון פוילען הערען אויס נאָר איין צד. די לעזער פון ניו יארקער „פאָרווערטס" לייענען נישט די ארטיקלען וואָס ווערען וועגען דער פראַגע געדרוקט אין דער ווארשעווער „נייע פאָלקסצייטונג" און די אידישע ארבייטער אין פוילען, וועלכע זעהען קיינמאָל נישט דעם ניו יארקער „פאָרווערטס", לעזען נישט די ארטיקלען, וואס ווערען אין אים איבער דער זעלבער פראגע געדרוקט. די, וואס אינטערעסירען זיך מיט דעם, אין פוילען, ווי אין אמעריקע, זעהען נאָר איין טייל, איין העלפט פון דער דעבאטע. די

מיינונגס-פאַרשידענהייטען צווישען די דעבאַטאַנטען זיינען דעריבער פאַר זיי נישט אינגאַנצען קלאָר.

די פאַרגעלייגטע בראָשור האָט דעם צוועק אָט דעם פעלער אויסצובעסערען.

די לעזער, וואס אינטערעסירען זיך מיט דער דיסקוסיע וועלען דורך דער בראָשור באקאנט ווערען מיט די אַר־טיקלען און אַרגומענטען פוןביידע צדדים. דאָס זעלבע וועלען מיר אויך טאָן מיט די ווייטערדיגע אַרטיקלען, וואס וועלען אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע ערשיינען.

די קאָרעספאָנדענץ פון הבר ז. אַרטור איבער דער 10־יעריגער יובילעאום קאָנווענשאָן פון אידישען סאָציאַליס־טישען פאַרבאַנד אין אמעריקע און דעם בייסענדען נאָטיץ פון דער „פאָרווערטס” רעדאַקציע אלס ענטפער אויף אַר־טור'ס קאָרעספאָנדענץ, דרוקען מיר דאָ איבער, כדי דער לעזער אליין זאָל קאָנען אָפּשאַצען די פאָרמען און מעטאָ־דען פון פאָלעמיק, מיט וועלכע דער „פאָרווערטס” רעדאַק־טאָר, אב. קאַהאָן, באַנוצט זיך אין דער דיסקוסיע. דער אינטעליגענטער לעזער וועט אליין קאָנען אָפּשאַצען צי אַרטור'ס קאָרעספאָנדענץ האָט א „ביליגען מייקלערישען טאָן”, ווי דאָס ווערט געזאָגט אין דער אויבנדערמאָנטער נאָטיץ פון דער „פאָרווערטס־רעדאַקציע”.

מיר דרוקען אויך איבער צוויי נאָטיצן וועגן בונד אין פוילען פון ד. שוב, וואס כאַראַקטעריזירען דעם אופן, און ווי ריכטיג און אמת'דיג דער דאָזיגער שרייבער אינפאָר־מירט די לעזער פון „פאָרווערטס” וועגען בונד אין פוילען.

פון די נאָטיצען און געבראַכטע דאָקומענטען וועט דער לעזער, אָהן וועלכע ס'איז פירושים, זיך איבערצייגען אויף וויפיל מ'קאָן זיך פאַרלאָזען אויף דער אינפאָרמאַציע פון ד. שוב.

ד י א ר ו י ס ג ע ב ע ר.

אַ זשורנאַל פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון „בונד" אין סאָוויעט רוסלאַנד *)

פון אב. קאַהאַן

מיר האָבען ערהאַלטען דעם סעפּטעמבער נומער פון דעם אידישען סאָציאַליסטישער זשורנאַל „אונזער געדאַנק", וועלכער ווערט געדרוקט אין בערלין אונטער דער רעדאַקציע פון דעם בארימטען בונדיסטישען פירער און רוסישען סאָציאַל־דעמאָקראַט, אונזער מיטאַרבייטער גענ. ר. אבראמאָוויטש. דאָס בוך באַשטייט פון 96 זייטען. אויף זיין פאָדערבלאַט ווערט עס באַצייכענט אַלס א דאָפּעלטער נומער — „צוויי און דריי". דער ערשטער נומער איז ערשינען מיט עטליכע מאָנאַט פריהער. ווי מיר הערען, ווערט ניט ערוואַרטעט, אַז דער זשורנאַל זאָל ארויסקומען שטרענג פּעריאָדיש — פּינקטליך יעדען מאָנאַט; נאָר אַזוי אָפט ווי עס וועט זיין מאַטעריאַל, וועלכען די גענאָסען, וואָס גיבען איהם אַרויס, וועלען האַלטען פאַר וויכטיג צו פאַרעפענטליכען, און ווען זיי וועלען פיהלען א נויטווענדיגקייט צו נעמען דאָס וואָרט.

ווער זיינען די אַרויסגעבער? עס ווערט באַצייכענט אויפ'ן „קאָווער", אַז גענ. ר. אַבראַמאָוויטש איז דער רעדאַקטאָר. עס איז אָבער ניט קיין פּריוואַטע אונטערנעמונג זיינע. אונטער דעם רעדאַקטאָר'ס נאָמען שטעהט אויפ'ן „קאָווער":

„אָרגאַן פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון „בונד" אין ראַטען־פאַרבאַנד". דאָס הייסט, אַז די גרופּע, וואָס גיט אַרויס „אונזער געדאַנק", רעפּרעזענטירט בונדיסטען, וועלכע וואוינען אין סאָוויעט רוסלאַנד און זיינען צו דעם באָלשעוויזם ניט איבער־

„פאָרווערטס" פון 4טען אָקטאָבער, 1391.

געגאַנגען. זיי האַלטען זיך ביי זייערע אַלטע בונדיסטישע (סאָציאַל דעמאָקראַטישע) איבערצייגונגען. אין דיזען סעפּטעמבער־נומער ווערט ערקלערט, אַז בלויז אַ מינאָריטעט פון דעם אַלטען „בונד" איז אין רוסלאַנד צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז זיין מאַיאָריטעט (ביי דריי פערטעל) בלייבט טריי זיין אַנטי־באָל־שעוויסטישען שטאַנדפּונקט און אַז הונדערטע פון דיזע בונדיס־טען מאַטערט די „גע־פּע־או" אין ט.רמעס אָדער אין פאַרוואָר־פענע ווייטע פאַרשיקונגס־ערטער.

צווישען די גוט־באַקאַנטע אַלטע בונדיסטען, וואָס געהערען צוזאַמען מיט גענאָסע אַבראַמאָוויטש'ען צו דער דעלעגאַציע געפינט זיך גענ. יודין־אייזענשטאַדט.

אויך איז מיט דער דאָזיגער גרופּע פאַרבונדען דער אַלטער בונדיסט פראַנץ.

דער זשורנאַל „אונזער געדאַנק" איז געשריבען אין אַ וויסענשאַפטליכען אידישען סטיל. ער האָט הויפּטזעכליך אין זינען לעזער, וואָס אינטערעסירען זיך מיט ערנסטע אַרטיקלען איבער סאָציאַלע פראַגען. וויסענשאַפטליכע אידיש איז נאָך אַ פאַרהעלטניסמעסיג נייע שפּראַך, אַ ווייניג־באַאַרבייטע, ווייניג־בויגיגע, צימליך רויהע. דער, אָבער, וואָס איז גענייגט אין אַ וויכטיגען אַרטיקעל זיך אַריינצוטראַכטען, און זיך צו באַמיהען איהם צו פאַרשטעהן גרינדליך, וועט קיין שוועריגקייטען ניט געפינען; און לערנען וועט ער פון דעם סעפּטעמבער־נומער אַ סך. ער ענטהאַלט אַ סך לעזע־שטאָף פון דעם סאָרט, וועלכען עס איז כדאי איבערצולייענען אַ צווייטען מאָל. באַשולדיגען דעם זשורנאַל אין פּאַרטייאישע איינזייטיגקייט קען מען אויך ניט. אַלץ מאַכט דעם איינדרוק פון ראַיעלקייט, טרייהייט צו אמת און יושר.

(גענאָסע אב. קאהאן גיט דאָ פּינקטליך און ברייט איבער דעם אינהאלט פון נומער 2—3 „אונזער געדאנק". מיר לאָזן עס דורך, ווייל דאָס האָט נישט קיין שייכות צום ענין, וואָס אינטערעסירט אונז אין דעם פאל. — רעדאקציע.)

דער נומער איז הויפּטזעכליך פאַרנומען מיט קריטיק אויף סאָוויעט רוסלאַנד און אויף דעם פּוילישען „בונד”. אַ סך פּלאַץ ווערט אָפּגעגעבען צו דעם ווינער סאָציאַליסטישען קאָנגרעס, אָבער אין די אַרטיקלען וועגען דיזען ענין פאַרנעמען די דערמאָנטע קריטיקען אויך אַ סך אָרט. אַלץ (בלויז מיט אַ פּאָר אויסנאַמען) ווערט אָבער אויסגעדריקט אין אַ העכסט איידעלען, אמת ציוויליזירטען און אָפּט פריינדליכען טאָן. דער „בונד” פון פּוילען באַקומט אין דער קריטיק זאָגאַר קאָמפּלימענטען. עס ווערען אויסגערעכענט זיינע וויכטיגע אויפטואונגען. ווי באַקאַנט, באַציהט זיך אַבראַמאָוויטש צו די פירער פון דעם איצטיגען פּוילישען „בונד”, צו די גענאָסען ערליך און פּאָרטנאָי (נח) און צו דעם אינגערען פירער, אַלטער, מיט דעמזעלבען חבר'שען רעספּעקט און פריינדליכקייט, וועלכע מיר אַלע פיהלען צו זיי. אָט דיזער גייסט פון העפליכקייט און גענאָסענשאַפטליכע פריינדליכקייט דרינגט דורך אַלע אַרטיקלען פון דעם סעפּטעמבער־נומער, אין וועלכע עס האַנדעלט זיך וועגען דעם היינטיגען פּוילישען „בונד”. איינס האָט אָבער ניט צו דאָס אַנדערע. די קריטיק איז אַ גרינטליכע און, ערטערווייז, אַ שניידענדע. דאָ און דאָרטען ענטהאַלט זי זאָגאַר היבשע טראָפּענס פון גיפטיגען סאַרקאַזם; אָבער אַלץ אין אַ פּאָלשטענדיגער קולטורעלער און העפליכער פאָרמע. גיפט און בייסענדער שפּאָט אָהן צערעמאָניעס, קלעפּ „אָהן הענדשקעס” באַגעגענט מען נאָר אין דעם רעדאַקציאָנעלען נאָטיץ וועגען „קעגען שטראָם”, דער שריפט, וועלכער ווערט אַרויסגעגעבען ניט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון פּוילישען „בונד”, נאָר פון זיין לינקער פראַקציע, און וועלכער איז, אייגענטליך, אַ פּאָלשטענדיג באָלשעוויסטישער זשורנאַל.

אין איינצעלהייטען פון דעם פּוילישען בונד'ס טאַקטיק לאָזען זיך די קריטיקער ווייניג אַריין. און אין זיינע אינערליכע היימישע אָנגעלעגענהייטען מישט זיך דער זשורנאַל איבערהויפּט ניט. ער באַטראַכט הויפּטזעכליך דעם בונד'ס „אַני מאַמין” און זיין באַציהונג צו אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; ער קריטיקירט די טעאָריע, וועלכע דער פּוילישער „בונד” פּרעדיגט, די

טעאָריע, אויף וועלכער עס איז געגרינדעט זיין האַלטונג צו דער ברייטער סאָציאַליסטישער וועלט (ווי אויך צו אַלגעמיין אידישע אינטערעסען און צו דעם אידישען לעבען בכלל — וואָלטען מיר צוגעלעגט).

ר. אַבראַמאָוויטש און פּ. הערש זיינען אין זייערע קריטישע באַטראַכטונגען וועגען דעם פּוילישען „בונד" אבסאָלוט פריי פון פּאַרטייאישקייט. זייערע פאנאנדערגלידערונגען און ארגומענטען זיינען געבויט אויף קלאָרער טיף־איבערצייגענדער לאָגיק.

איינער פון די בולט'סטע פּונקטען אין אַבראַמאָוויטש'עס ארויסטרעטונג געגען דעם פּוילישען „בונד" באשטעהט אין פּאָל־גענדען: דער דאָזיגער „בונד" טענה'ט נאָר וועגען דעם, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען דארפען נ י ט טאָן. וואָס מען דאַרף י אָ טאָן, און טאַקע איצט — דאָס זאָגען זיינע וואָרט פירער ניט. וועגען דעם קומען זיי נאָר אָפּ מיט רייד וועגען רעוואָלוציע. מיט אַזעלכע „פּאפּירענע רעוואָלוציעס", אָבער, קען מען ניט יוצא זיין. די נויטוועגדיגקייטען פון דעם טעגליכען לעבען, די דרינגענדע פליכטען און פאראנטוואָרטליכקייטען פון די גרויסע סאָציאַליסטישע פּארטייען פּאָדערען „א פּאָזיטיווע פּראָגראם פון טהאַטען; און אזא פּראָגראם האָט דער פּוילישער „בונד" ניט." ער האָט ניט קיין פּאָליטישע מאַכט, ער האָט ניט קיין פּאַר־אַנטוואָרטליכקייטען; מיינט ער, אַז ער קען יוצא זיין מיט שרייען, אַז מען טאָר דאָס ניט טאָן, מען טאָר יענעם ניט טאָן; מיט זאָגען אַלע אַנדערע פּאַרטייען מוסר...

גענ. אַבראַמאָוויטש ברענגט דעם לעזער צו דעם שלוס, אַז דער פּוילישער „בונד" און די ענגלישע אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי שטייען „צווישן סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און קאָמוניזם". וואָס אַנבאַטרעפט די אַרויסגעבער פון „געגן שטראָם", דאָס הייסט, "די לינקע פון די לינקע", זיינען זיי, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, פּאָלשטענדיגע באָלשעוויקעס, הגם די קאָמוניסטן באַ־האַנדלען זיי ניט בעסער און נאָך ערגער, ווי זיי באַהאַנדלען די האַלבע קאָמוניסטן. (די דאָזיגע פראקציע, וואָס גיט ארויס „געגן שטראָם", „קושט סטלינ'ס שטיוול און באקומט דערפאַר א בריק",

ווי עס דריקט זיך אויס די רעדאקציע פון „אונזער געדאנק").

דער אמת איז, אז דער גאנצער פוילישער „בונד" (וועגן זיין לינקער פראקציע רעדן מיר דאָ ניט) שטייט א סך, א סך נענטער צו דעם קאָמוניזם, ווי צום סאָציאליזם. די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען קריטיקירט ער דאָך אימער, ווערנד א קריטיק אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועט־רוסלאנד לאָזט ער אין זיינע אָרגאנען ניט אריין. מיט דער אויסנאמע בלויז פון א פאָר פאלן, אפשר, קען די באָלשעוויסטישע גע־פּע־או אָפּטאָן די שרעקלאכסטע מעשים, וועט דער פוילישער „בונד" דאָס פארשווייגן.

פארבייגייענדיג וויל איך באמערקן, אז זייער „קולטור־ליגע" גיט ארויס ביכער וועגן ליטעראטור, וועלכע זיינען איבערזעצונגען פון באָלשעוויסטישע שרייבער און, פון א ליטערארישן שטאנד־פונקט, פשוט סקאנדאליעז. צום ביישפּיל: זיי האָבן א זאמל־בוך, וואו באָלשעוויקעס רייסן ארונטער טאָלסטאָי'ען, און א באָלשעוויסטישע געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראטור, וועלכע איז פונקט אזוי סקאנדאליעז. און אין זייער ליטערארישער „וואָכנשריפט" הערשט דער זעלבער לעבערלאכער באָלשעוויס־טישער גייסט. זיי פרעדיגן די טעאָריע פון „פּראָלעטארישע ליטעראטור", וועלכע עס „פרעדיגן" די טשעקיסטישע „קריטי־קער" פון סאָוועט רוסלאנד.

ווען מען לייענט די ארטיקלען אין „אונזער געדאנק", קלערט מען זיך ניט ווילנדיג: היינט וואָס איז דער חדוש, אז אזא גרויסער פּראָצענט פון די יונגע פוילישע בונדיסטן, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָרן אריבערגעקומען קיין אמעריקע, זיינען דאָ צוגעשטאנען צו די קאָמוניסטן? דאָס איז דער רעזולטאט פון דער דריי־פערטל באָלשעוויסטישער ערציאונג, וואָס זיי האָבן באַ־קומען אין דער היים פון דעם בונד'ס „רעכטע" מאַיאָריטעט, צי פון דער הונדערט פּראָצענטיגער „באָלשעוויסטישע אידעאָלאָגיע", וואָס מען הערט אין פוילן פון דעם „בונד'ס" לינקער פראקציע — אין א סאָציאליסטישער פּארטיי קען זיך אזא יונגערמאן אנגענעם ניט פילן, ניט אין א ניו יאָרק און ניט אין א בערלין, א פאריז,

א בריסל, אַן אמסטערדאַם, אַ ווין אָדער אַ פּראַג. אַ סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי לערנט מען אים אין דער היים צו פאַרדאַמען פאַר די „טריפה'נע" מעשים, וואָס זי טוט אָפּ. אָט אין דיזער זאָרט פאַרדאַמעריי, און בלויז פאַרדאַמעריי, איז דאָך באַשטאַנען די אַרבעט פון דעם פּוילישן „בונד" און פון דער ענגלישער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי אויף דעם ווינער קאָנגרעס.

ביי יעדן ענין פּאַסט זיך ווידער צו דערמאָנען די באַציאונג פון דעם פּוילישן „בונד" צו דעם אידישן לעבן. דער אמת איז, אַז צום אידישן לעבן האָט דער פּוילישער „בונד" קיין באַציאונג, קיין שייכות ניט — אַלץ צוליב דערזעלבער לא תעשה („מען טאָר ניט") טעאָריע.

מיט איינעגע וואָכן צוריק האָט זיך אַ פאָרשטייער פון דעם וואַרשעווער „מאָמענט" געווענדעט צו גענאָסע ערליך מיט אַ פראַגע וועגן זיין שטעלונג צו אַ אידישן קאָנגרעס. מילא, אין דיזן פאַל איז ניט אומנאַטירלאַך, אַז אַ אידישער סאָציאַליסט זאָל זיך מיט דעם ענין ניט אינטערעסירן. גענ. ערליך האָט זיך אָבער ניט באַשרענקט אויף אַן ערקלערונג, אַז ער קען דעם פּלאַן וועגן אַ אידישן קאָנגרעס ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמ־קייט. ער האָט דערביי אַרויסגעזאָגט די איבערצייגונג, אַז אַ אידישער אַרבעטער דאַרף זיך איבערהויפּט ניט אינטערעסירן מיט אידישע פראַגן. פאַרוואָס? גאַנץ איינפאַך: ווייל פאַר אידישע אַרבעטער און פאַר אידן בכלל איז פאַראַן נאָר איין רפואה צו אַלע זייערע קראַנקהייטן, און דאָס איז: די סאָציאַלע רעוואָלוציע. עס הייסט, אַלזאָ, אַז איידער עס וועט קומען דער רעוואָלוציאָנערער משיח, דאַרפן אידן זיצן מיט פאַרלעגטע הענט און זאָגן רעוואָלוציאָנערע תהלים.

ווי כאַראַקטעריסטיש עס איז דעריבער, אַז גענאָסע ערליך, אין זיין רעדע אויפ'ן ווינער קאָנגרעס, האָט אפילו ניט דערמאָנט די אידן און זייערע שרעקלאַכע צרות אין פּוילן! ער איז גע־ווען אַזוי פאַרטאָן אין קריטיקירן אַלע אַנדערע פּאַרטייען, אַז ער האָט קיין איין וואָרט ניט געפונען פאַר אידן. יעדער דעלעגאַט האָט גערעדט, דערמאָנט, וועניגסטנס, וועגן זיין פאָלק, אויסער

דעם דעלעגאַט פון דעם אידישן „בונד" פון פוילן. דאָס שטימט פאַלשטענדיג מיט דער טעאָריע, אַז מען דאַרף קיין זאַך ניט טאָן און נאָר וואַרטן אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

איינער פון די פילע גלענצענדע שטעלן אין גענאָסע הערש'ס אַרטיקל ווייזט אָן ווי אַזוי דער פוילישער „בונד" איז איזאָלירט, אָפּגעזונדערט. ער האַלט זיך העכער פאַר אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (און פאַר דעם גאַנצן אידישן לעבן). ער שפּילט די ראָלע פון אַ מין „אתה בחרתנו". זיין אויפגאַבע איז נאָר אַנדערע פּאַרטייען צו לערנען, מיט שטאָלץ זיי מוסר צו זאָגן.

***

קריטיקירן דעם איצטיגן פּוילישן „בונד" פּלעגן מיר אַלע אויסמיידן. טיילווייז צוליב דעם אַלטן נאָמען — אַ נאָמען, וועלכער איז ביי אַ אידישן סאָציאַליסט טייער (הייליג, קען מען זאָגן) — און טיילווייז צוליב זיינע אייגענע פאַרדינסטן אַלס די גרויסע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין פּוילן, האָט זיך געפילט, אַז אָנצואווייזן אויף זיינע טעות'ן און חסרונות איז עפּעס אַ מין חלול השם. אויף דעם ווינער קאָנגרעס האָט אָבער דער פּוילישער „בונד" אַליין געעפנט די טיר, ווי דער אויסדרוק איז. ער האָט שאַרף קריטיקירט אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און מער ווי קריטיק האָט מען דאָרטן פון אים ניט געהערט. אַלזאָ, איז געווען נאַטירלאך, אַז ער זאָל באַקומען שאַרפע סאַרקאַסטישע אַנטוואָרטן. „דער, וואָס האָט חשק זיך צו גליטשן, יענער דאַרף זיך ניט פּוילן צו שלעפּן דעם שליטעלע"...

די „אתה בחרתנו" קריטיק פון גענ. ערליך און גענ. מעקסטאָן (פון דער ענגלישער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי), מיט די פינף שטימען, וואָס זייער „לינקע" מינאָריטעט האָט באַקומען געגן די 316 „רעכטע" אויף דעם ווינער קאָנגרעס, איז באַשפּראָכן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט. אויב אויף קריטיק געגן דעם פּוילישן „בונד" איז פריער געלעגן אַ חרם, האָט דער פּוילישער „בונד" דעם דאָזיגן חרם אַליין צובראָכן אויף דעם ווינער קאָנגרעס. עס וואָלט

דאָך געווען נאַריש זיך פאָרצושטעלן, אז דער „א'ה בחרתנו" גייט אזוי ווייט, אז קריטיקירן מעג בלויז דער פוילישער „בונד"..

ר. אבראמאָוויטש, וועלכער איז איינער פון די גרינדער און וויכטיגסטע אויפבויער פון דעם אלגעמיינעם „בונד", איינער פון זיינע דריי הויפּט־פירער אין די גלענצענדסטע טעג פון זיין עקזיסטענץ, — איז געווען איינער פון די, וואָס האָב אָם שטרענגסטן אָפּגעהיט דעם כלל, אז דעם היינטיגן פוילישן „בונד" דאַרף מען ניט קריטיקירן; אָבער אויך אבראמאָוויטש איז ענדלאַך געקומען צום שלום, אז „מען מעג". דאָס איז געווען נאָך פאַר דעם ווינער קאָנגרעס. אָבער די ראָלע, וואָס דער פוילישער „בונד" האָט זיך געקליבן דאָרטן צו שפּילן, האָט ער, דער „בונד", שוין פון פריער אנאָנסירט. ער האָט, נעמלאַך, ערקלערט, אז זיין הויפּט־אויפגאַבע אין אריינטרעטן אין סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַל איז דעם דאָזיגן אינטערנאַציאָנאַל ארויפצופירן אויפ'ן דרך הישר. איבעריגנס, האָט אבראמאָ־וויטש און די גאַנצע דעלעגאַציע פון דעם רוסישן „בונד" אָן דעם אויך געהאַט אורזאכן ענדלאַך צו נעמען דאָס וואָרט. זיי האַלטן פאַר זייער פליכט צו לאָזן אויך הערן דעם אַנדערן צד.

מען פרעגט: ווי קומט דאָס, אז פאַר געוויסע אבראמאָ־וויטש'ן, וועלכער איז געווען איינער פון די דריי גרויסע זיילן פון דעם אַלטן „בונד", איז היינט אוממעגלאַך צו קומען אין פוילן אַלס א גאַסט פון דעם פוילישן „בונד", און אַלס רעדנער? אין וואָס באשטייט דער תהום, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי? אַן ענטפער אויף דעם האָט מען אין ווין באקומען אין דער דעבאַטע איבער אָטאָ באַוער'ס רעזאָלוציע, וואו אבראמאָ־וויטש'עס שטימע איז געווען איינע פון די 316, און ערליך'ס איינע פון די 5.

אויף דעם ווינער קאָנגרעס זיינען געווען פאַרטראָטן צוויי „בונדן" — דער פוילישער און דער רוסישער, דער נייער און דער אַלטער. געג. אבראמאָוויטש, ווי מיר האָבן אויבן געזען, איז דאָרטן ערשינען ניט נאָר אַלס איינער פון די דעלעגאַטן פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, נאָר אויך אַלס איינער

פון דעם רוסישן „בונד״, ווערנד די גענאָסן ערליך און אַלטער האָבן רעפּרעזענטירט דעם היינטיגן „בונד״ פון פּוילן. די ער־שטע האָבן געשטימט מיט דער ריזיגער מאַיאָריטעט; די צוויי־טע — מיט דעם הייפעלע מינאָריטעט.

דער יושר פאָדערט, אַז מען זאָל אָנווייזן אויף דעם אונטער־שייד צווישן די צווייערליי „בונד״־דעלעגאַציעס, וועגן וועלכע עס האַנדלט זיך דאָ. דער פּוילישער „בונד״ איז אַ קאָנקרעטע, גרויסע, סאָליד־אָרגאַניזירטע, טעטיגע קערפּערשאַפט, און זיין מאַנדאַט איז אַ קאָנקרעטער, אָפיציעלער דאָקומענט, ווערנד די בונדיסטן, וואָס וואוינען אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווי באַדייטנד עס זאָל ניט זיין זייער צאָל, און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין אונזער סימפּאַטיע און ליבע צו זייערע מאַרטירער, איז אַ שווייגנדיגע קראַפט, וואָס לאָזט זיך ניט ציילן. זייער מאַנדאַט איז אַ ניט־געשריבענער דאָקומענט. ער האָט אָבער אַ מאָראַ־לישע, אַ גייסטיגע באַדייטונג, וועלכע פאָדערט אויפמערקזאַמ־קייט, — אַן אויפמערקזאַמקייט, וואָס האָט צו זיך דעם אָפּקלאַנג פון מאַרטירערײַ און היסטאָרישן טראַגיזם.

און דאָס אַליין איז ניט אַלץ. די דעלעגאַציע פון דעם רוסישן „בונד״ האָט אַ גייסטיגן מאַנדאַט, וועלכער איז ניט באַ־שרענקט אויף די בונדיסטן פון סאָוועט־רוסלאַנד. זייערע אידייען זיינען די אידייען פון אַ ריזיגער צאָל בונדיסטן, וועלכע וואוינען אין אַנדערע לענדער, פּוילן איינגעשלאָסן. דער „בונד״ פון לאַטוויע און דער „בונד״ פון רומעניען האָבן דיזעלבע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, אַנטי־באָלשעוויסטישע פּראָגראַם, ווי די גרופּע, וואָס גיט ארויס „אונזער געדאַנק״, און אין דעם פּוילישן „בונד״ גופא איז פאַראַן אַ היבשע מינאָריטעט (הויפּטזעכלאַך צווישן די עלטערע און ערפאַרענערע מיטגלידער), וועלכע וואָלטן זיך מיטביידע הענט אונטערגעשריבן אויף אַלץ, פאַר וואָס גענ. אַבראַמאָוויטש האָט געשטימט אויף דעם ווינער קאָנגרעס.

דער ענטפער פון חבר ז. ארטור, מיטגליד פון צענטראלן קאָמיטעט פון „בונד" אין פוילן *)

אינ׳ם „פאָרווערטס" פון 4טן אָקטאָבער האָט גענאָסע אב. קאהאן פארעפנטלאכט אן ארטיקל אונטער׳ן קעפל „אַ זשורנאַל פון דער אויסלענדישער דעלעגאציע פון „בונד" אין סאָוועט־רוסלאַנד". צוויי־דריטל פונ׳ם דאָזיגן ארטיקל איז געווידמעט דעם „אני־מאמין" און דער טאקטיק פון „בונד" אין פוילן. אָבער סיי די פלאַטפאָרמע, סיי די טאקטיק פונ׳ם פוילישן „בונד" ווערן דאָ פאָרגעשטעלט ניט אין גאנצן ריכטיג און ערטערווייז — ווי אין אַ קרומען שפיגל. ווי אַן אקטיווער בונדיסט אין פוילן, וועלכער געפינט זיך צייטווייליג אין אַמעריקע, ווי איינער וואָס פילט זיך מיטפאראנטוואָרטלאך פאר׳ן פאָליטישן פנים און פאר דער טעטיגקייט פון פוילישן „בונד", באטראכט איך פאר מיין פליכט צו ענטפערן אויפ׳ן ארטיקל פון גענ. קאהאן, אויפצוקלערן אַ רייע פאקטן, בנוגע וועלכע גענאָסע קאהאן איז אריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות און אויפקלערן די שטעלונג פון פוילישן „בונד".

פאר אלעמען — אַן ערקלערונג וועגן דעם, צי „מען מעג", אָדער „מען מעג ניט" קריטיקירן דעם „בונד" אין פוילן: דער פוילישער „בונד" האָט קיינמאָל ניט פאראיבל געהאַט אויף אנדערע סאָציאליסטן, אויב זיי האָבן אים קריטיקירט. נאַטירלאך — אויב נאָר די קריטיק איז אַ זאַכלאַכע און ניט אַ בייזווילינע. דער פוילישער „בונד" גלויבט, אַז דער פרינציפּ פון אינטערנאַציאָנאַליזם אין דער ארבעטער־באוועגונג מיינט: געגנ־

*) „פאָרווערטס", נאָוועמבער 1, 1931.

זייטיגע פאראַנטוואָרטלאַכקייט און געגנזייטיגע פליכטן פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין דער וועלט; די פעלערן אָדער מעלות, די נצחונות אָדער מפּלות פון אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין איין לאַנד רופן זיך קאָנקרעט אָפּ אויף די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין אַנדערע לענדער. דעריבער גלויבט דער „בונד", אַז עס זיינען ניטאָ אַזעלכע „אינערלאַכע אַנגעלעגנהייטן" אין אַ סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועלכע זאָלן ניט אָנגיין די איבעריגע סאָציאַליסטישע פאַרטייען און וועגן וועלכע זיי זאָלן ניט טאָרן רעדן. פאַרקערט: עס איז ניט נאָר דאָס רעכט, נאָר אַפילו אַ פליכט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, חבר'יש צו קריטיקירן און אָנצואווייזן פעלערן דאָרטן, וואו זיי זיינען פאַראַן. אויב דאָס דאָזיגע רעכט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, דאַן פאַרלירט דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל גוטע דריי־פערטל פון זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. דאַן פלאַצט בכלל די אידייע פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, ווי אַ קאָנקרעטע ממשות'דיגע זאַך, ווייל דער אינטערנאַציאָנאַל איז דאָך ניט נאָר אַן אָרגאַניזאַציע צו דעקאָרירן און צו דעמאָנסטרירן די אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר אויך צו קאָאָרדינירן די טעטיגקייט פון די פאַרטייען, אויסצוזוכן די וועגן און מיטלען פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם, און ווי קאָן מען דאָס טאָן, אויב מען טאָר ניט אָנווייזן אויף דאָס גוטע און שלעכטע, אויב מען קאָן ניט לערנען פון דער קאָנקרעטער טעטיגקייט פון יעדער פאַרטיי באַזונדער?

פון דעם איז שוין קלאָר, אַז ניט איך און ניט קיינער אין „בונד" וועלן ניט האָבן קיין פאַראיבל אויף גען. קאַהאַן, וואָס ער רוקט ארויס אַ רייע פאָרוואורפן געגן דעם „בונד" אין פוילן. עס גייט נאָר אין דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון די פאָרוואורפן זיינען ניט באַרעכטיגט, לויט אונזער מיינונג. און וועגן דעם ווילן מיר טאַקע ריידן.

די „סיבה פון אַלע סיבות" איז אין גען. קאַהאַנ'ס אַרטיקל, דער שטאַנדפונקט פון „בונד" און פון גען. ערליך אויפ'ן לעצטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס. דערביי שטרייכט

גענ. קאהאן צוויי מאל אונטער, אז די רעזאלוציע פון גענ. ערליך און מעקסטאן האבן באקומען נאר 5 שטימען. איך האב מיך געוואונדערט, וואס גענ. קאהאן באנוצט זיך אזוי פיל מיט די דאזיגע פינף שטימען, ווייל, ערשטנס, ווייסן דאך אלע, אז ווען יעדער דעלעגאט אויפ'ן קאנגרעס וואלט געווען פריי צו שטימען ווי ער וויל, וואלט די צאל שטימען פאר דער רעזאלוציע געווען פיל, פיל גרעסער. צווייטנס, ווען אפילו ניט מער ווי פינף שטימען, איז דאס דען א באווייז, אז די רעזאלוציע איז אומגערעכט? איז דען אלעמאל אומגערעכט דער, וואס בלייבט אין א מינדערהייט? גענ. קאהאן האט אין זיין טעטיגן לעבן געהאט ניט ווייניג פאלן, ווען ער איז דורך אנדערע מאיאריזירט געווארן, וועט ער דען צוגעבן, אז דאס באווייזט, אז ער איז אין די פאלן געווען אומגערעכט?

די איצטיגע לאגע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין דער וועלט איז א פארפלאנטערטע, א טראגישע. דער דאזיגער טראגיזם איז געקומען צום אויסדרוק אויפ'ן לעצטן אינטערנאציאנאלן קאנגרעס. די פראגן, וועלכע ער האט געהאט צו אנטשיידן, זיינען פון אן אומגעהויערער היסטארישער באדייטונג פאר דער ארבעטער באוועגונג. די קאפיטאליסטישע ווירטשאפטס־סיסטעם איז זייער ערנסט קראנק; די בורזשואזע דעמאקראטיעס און פסעודא־דעמאקראטיעס אין גאנץ אייראפע טרייסלען זיך. דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע שטייט דער פראלעטאריאט פאר דער אומגעהויער שווערער אויפגאבע צו בארעכענען, וועלכע טאקטיק עס וועט אים קאסטן ווייניגער קרבנות און וועט ברענגען מער נוצן דעם קאמף פאר'ן סאציאליזם: אונטערשפארן די אקסלען און העלפן צייטווייליג אונטערהאלטן דעם זיך־וואקלענדיגן קאפיטאליסטישן בנין, כדי פון אים ארויסצוציען וואס מער נוצן פאר'ן פראלעטאריאט, אדער וועט עס זיין פון גרעסערן נוצן צו האנדלען פארקערט? און דער עיקר גייט עס נאך אין דעם אופן, ווי אפצוראטעווען די לענדער פון פאשיזם. וועלכער וועג איז דער צוועקמעסיגער — דער וועג פון צוזאמענארבעטן מיט די קאפיטאליסטן, פון

קאָאַליציע מיט די רעאַקציאָנערע און הערשנדיגע קלאַסן, אָדער דער וועג פון אויסגעשפּראָכענעם קלאַסן־קאַמף? אָט־אָ־די „קליינינגקייטן" דאַרף היינט דער פּראָלעטאַריאַט פאַרענטפערן, ניט אין דער טעאָריע, נאָר טאַקע באַלד און קאָנקרעט. ס'איז אַ פראַגע פון סטראַטעגיקע, מיט וועלכער ס'איז פאַרבונדן טיפע און ווייטגייענדיגע פּרינציפּיעלע בליקן אויף דער טעאָריע און פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס וואָלט געווען אומנאַטירלאַך, ווען. אַזעלכע פראַגן זאָלן ניט ארויסרופן טיפע און שאַרפע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אינ'ם סאָציאַליסטישן לאַגער גופא. און די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן זיינען ניט צווישן „5" און „316", ווי עס איז געווען די אָפּשטימונג אויפ'ן קאָנגרעס; זיי זיינען צווישן טויזנטער סאָציאַליסטן, פון איין זייט, און טויזנטער סאָציאַליסטן, פון דער אַנדערער זייט (נאַטירלאַך, אַז די קאָמוניסטן רעכן איך ניט אריין אין קאָן: זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער סאָציאַליסטישער מחנה). אין יעדער פּאַרטיי באַזונדער קומט פאָר אַ הייסער אידייען־שטרייט צווישן די צענדליגער טויזנטער פון זייערע מאַסן. איבער מאַנכע פּאַרטייען הענגט אפילו די געפאַר פון שפּאַלטונג צוליב דעם (די לעצטע פּאַסירונגען אין דער דייטשער סאָצ. פּאַרטיי). וואָלט דען מעגלאַך געווען, אַז דאָס זאָל ניט האָבן אַן אָפּקלאַנג אויפ'ן קאָנגרעס? נאָר פאַנאַטישע עקסטרעמיסטן האָבן אַ פאַרטיגן ענטפער אויף יעדער סיטואַציע. פאַראַן אַזעלכע פאַנאַטיקער אינ'ם עקסטרעם רעכטן פליגל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און פאַראַן אַזעלכע פאַנאַטיקער אינ'ם עקסטרעם לינקן פליגל (די קאָמוניסטן). ביי יעדער סיטואַציע, און אויך ביי דער איצטיגער, האָבן דיביידע פליגלען אַ פאַרטיגן ענטפער: קורץ פאָרמולירט, ווילן די ערשטע „רוהע אום יעדן פּרייז", און די אַנדערע — „אונרוהע אום יעדן פּרייז". און דער פּוילישער „בונד" באַלאַנגט ניט צו קיינע פון די עקסטרעמע פליגלען. ער גלויבט, אַז דער פאַרטיגער ענטפער פון פאַנאַטיקער איז זייער זעלטן אַ ריכטיגער. מען מוז זיך ערנסט פאַרטראַכטן, באַרעכענען, האָבנדיג פאַר'ן אויג די אינטערעסן פונ'ם אַרבעטער־

קלאַס און פון סאָציאַליזם. דער פּוילישער „בונד" לערנט זיך פון די פּאַסירונגען אין אַלע לענדער און קודם — אין זיין אייגענעם לאַנד.

אָט האָט די מערהייט פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס באַרעכנט, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קאָן פאַרמיידן די פאַשיסטישע געפאַר, ד. ה. ער וועט מיט ווייניגער קרבנות ארויסגיין פון דער איצטיגער לאַגע, ווען ער וועט שטיצן די קאַפּיטאַליסטיש־דעמאָקראַטישע רעגירונג. דער פּוילישער „בונד" מיינט, אַז דער חשבון איז אַ פאַלשער. פאַרקערט, אָט אַזאַ טאַקטיק קאָסט דעם פּראָלעטאַריאַט גרעסערע קרבנות. און ער מיינט דאָס אויפ'ן סמך פון דער ערפאַרונג פון פּוילן: דאָרט האָט די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי יאָרן־לאַנג געהאַנדלט לויט אָט אַ דעם רעצעפּט. זי האָט געשטיצט די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, טאַקע מיט'ן מאָטיוו, צו פאַרמיידן אַ פאַשיסטישע געפאַר, און דער סוף איז געווען, אַז ניט נאָר איז די געפאַר ניט פאַרמידן געוואָרן, נאָר ווען די דיקטאַטור איז געקומען, האָט זי געהאַט אַ פרייען פעלד: דער פּראָלעטאַריאַט איז דורך לאַנגע יאָרן צוזאַמענאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע געווען אָפּגעשוואַכט, איינגעשלעפערט און אַבסאָלוט דעזאָריענטירט. פילע אַרבעטער האָבן זיך ניט געקאָנט כאַפּן: וואו ענדיגט זיך דער שונא און וואו פאַנגט זיך אָן דער „פריינט".

ווען אפילו די דיקטאַטור זאָל אין אַנדערע לענדער צושטאַנד־קומען ביי אַנדערע באַדינגונגען, ווי אין פּוילן, מוז זי האָבן דיזעלבע רעזולטאַטן, אויב זי קומט נאָך אַ לאַנגן פּעריאָד פון קאָאַליציע צווישן פּראָלעטאַריאַט מיט דער בורזשואַזיע. אויף וויפיל עס גייט וועגן דער פאַשיסטישער געפאַר, שוואַכט די קאָאַליציע־פּאָליטיק אָפּ איר ווירקזאַמסטן געגנער: דעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז מערער פון אַלע אַנדערע שיכטן ווירקלאַך פאַראינטערעסירט און ו ו י ל קעמפן געגן פאַשיזם.

מען קען, נאַטירלאַך, האָבן אַן אַנדער שטאַנדפּונקט, ניט מסכים זיין מיט דעם שטאַנדפּונקט פון „בונד". אָבער אַוועקמאַכן איהם מיט דער האַנט קען מען געוויס ניט. ווער עס האָט

זיך צוגעהערט צו די לירישע טענער, וואָס האָבן געקלונגען אין די רעדעס פונ׳ם טאָן־געבער פון קאָנגרעס, געג. אָטאָ באַוער, דער האָט פאַרשטאַנען, אַז אים איז אויך ניט לייכט אָנגעקומען זיך צו אייניגן מיט׳ן שטאַנדפּונקט פון די רעכטע עקסטרעמיסטן. דעריבער טאַקע האָט ער די קאָאַליציע־פּאָליטיק ניט געוואָלט מאכן פאר א פּרינציפּ פון דער באוועגונג. אינ׳ם פאַל פון דייטשלאַנד, האָט ער אַפילו ניט געוואָלט, אַז דער קאָנגרעס זאָל אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלאכקייט פאַר דער האַנדלונג פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטישער פאַרטיי. „מיר זאָגן ניט „גוט” און ניט „שלעכט”; מיר לאָזן דאָס איבער צו זיי אַליין”...

אין „פאָרווערטס” זיינען שוין פיל מאָל איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן די סאַרקאַסטישע ווערטער, וועלכע די גענאָסן באַוער און וועלס האָבן געוואָרפן צו גענאָסע ערליך, אַלס ענטפער אויף זיין קריטיק. מען זאָגט: „קאָנט איר אין אייער לאַנד דורכ־פירן דאָס, וואָס איר לעגט אונז פאָר?” „קאָנט איר אונז העלפן?” (וועלס׳ „שטורמבאַטאַליאָנען”), „עס איז אומפאַר־אַנטוואָרטלאכקייט”, א. ד. גל. אין פילע אַרטיקלען אין „פאָר־ווערטס„ האָט מען די דאָזיגע ווערטער צולעגט אויף טעלערלאך, מ׳האָט זיך מיט זיי פאַסמאַקעוועט, גלייך דאָס וואָלט טאַקע געווען אַ וועזנטלאכער ענטפער אויף די פּרינציפּיעלע פראַגן, וועלכע געג. ערליך און מעקסטאָן האָבן ארויסגערוקט. אין דער אמת׳ן, זיינען דאָס מער אָדער ווייניגער געלונגענע פּאָלעמישע פייערווערק, וועלכע אנטהאלטן אָבער ניט קיין וועזנטלאכן, פּרינ־ציפּיעלן ענטפער אויף די וויכטיגע פראַגן. אויף אזא שטייגער, וואָלט מען געקאָנט אויף יעדן קאָנגרעס צונישט מאַכן בוכ־שטעבלאך יעדע פראַגע, וואָס ווערט געשטעלט. צום ביישפּיל, אויפ׳ן פאָרלעצטן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס האָט גענאָסע הילקוויט געפאָדערט, אַז דער קאָנגרעס זאָל באַ־שליסן, אַז אין פאַל עס וועט אויסברעכן אַ נייע מלחמה, זאָלן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ערקלערן אַ גענעראַל סטרייק, כדי אומעגלאך צו מאַכן די לענדער צו פירן דעם קריג. מען וואָלט

געקענט מיט'ן זעלבן סאַרקאַזם פרעגן דעם גען. הילקוויט: „קאָנט איר אין אייער לאַנד דורכפירן דאָס, וואָס איר לעגט אונז פאָר? איז די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אימ־שטאַנד אָפּצושטעלן אפילו איינע פון די גרויסע פאַבריקן אין לאַנד?"... אַזאַ פראַגע וואָלט געווען אַ פייערווערק. זי וואָלט געהאַט בייפאַל ביי די געגנער פון גען. הילקוויט'ס פאָרשלאַג, אָבער קיין ענטפער אויפ'ן פאָרשלאַג איז זי פאָרט ניט. ניט געקוקט אויף אַלעמען, איז גענאָסע הילקוויט'ס פאָרשלאַג דאָך געווען אַ ריכטיגער. דאָסזעלבע קען מען זאָגן איצט, אין דעם פאַל מיט די גענאָסן ערליך און מעקסטאָן.

גען. קאַהאַן שרייבט אין זיין אַרטיקל: „דער גאַנצער פּוילישער בונד שטייט אַ סך, אַ סך נענטער צום קאָמוניזם, ווי צו דעם סאָציאַליזם. די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קריטיקירט ער נאָך אימער, ווערנד אַ קריטיק אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, לאָזט ער אין זיינע אָרגאַנען ניט אריין". „אפשר קען די באָלשעוויסטישע גע־פּע־או אָפּטאָן די שרעקלאכסטע מעשים, וועט דער פּוילישער „בונד" דאָס פאַר־שוויגן".

וואָס איז שייך דעם ערשטן פאָרוואורף, ווייס איך ניט, צי איז היינט פאַראַן אין דער וועלט אַ מענש, וואָס זאָל אויפ'ן סמך פון רעזאָלוציעס פון קאָמוניסטישע קאָנגרעסן פאַר די לעצטע יאָרן געבן די ריכטיגע דעפיניציע: וואָס איז אַזוינס קאָמוניזם, אַלס באַוועגונג, אַלס טאַקטיקע? נאָר אויב מיר זאָלן נעמען דאָס, וואָס שיידט אָפּ די קאָמוניסטן פון די סאָ־ציאַליסטן אין זייער טאָג־טעגלאכער טעטיגקייט, איז עס: די פאַרהערלאַכונג פון שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס דערקלערן אַלע ניט־קאָמוניסטן פאַר פאַשיסטן, דאָס דערהויבן ברודער־קאַמף אין די אַרבעטער־רייען צו אַ הייליגן פּרינציפּ, און אומפאַראַנטוואָרטלאכער אַוואַנטיוריזם בכלל. דער „בונד" פּראָפּאַגאַנדירט און טוט פונקט דעם היפוך פון דעם; פאַר'ן „בונד" איז די איינהייט און פאַרברידערונג פונ'ם אַרבעטער־קלאַס אַ הייליגער פּרינציפּ, און סיי מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע, סיי

מיט זיין גאַנצער סאָלידער טעטיגקייט איז דער „בונד" אַ לעבע־דיגער געגנזאַץ פון דעם אומפאַראַנטוואָרטלאַכן אַוואַנטיוריזם פון די קאָמוניסטן. די פּרינציפּיעלע שטעלונג פונ'ם „בונד" צו די וויכטיגסטע פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק, איז אַ שטעלונג פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אַ שטעלונג, וועלכע ס'איז אין זיך כולל די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און קאָן אין קיין פאַל ניט פאַררעכנט ווערן צו דער קאָמוניסטישער קאַטעגאָריע.

דער צווייטער פאָרוואורף, אַז דער „בונד" אין פּוילן קרי־טיקירט אַלעמען, נאָר ניט די קאָמוניסטן, אַז ער פאַרשווייגט אַפילו די שרעקלאַכסטע מעשים פון דער „גע־פּע־או", שטימט ניט מיט דער ווירקלאַכקייט. אמת, דער פּוילישער „בונד" פירט ניט קיין זידל־העצע געגן סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער ער אינפאָר־מירט אָביעקטיוו וועגן אַלע שלעכטע ווי וועגן די גוטע מעשים פון די באָלשעוויקעס. ער קריטיקירט, און גאַנץ אָפט שאַרף, יענע מעשים, וועלכע דאַרפן קריטיקירט ווערן. באַזונדערס פאַר־שווייגט ער ניט דעם טעראָר געגן סאָציאַליסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד. די קאָמוניסטן אין פּוילן און אויך די לינקע בונדיסטן מאַכן דעם בונדישן אָרגאַן אַ פאַרקערטן פאָרוואורף: אַז ער איז באָלשעוויקן־פרעסעריש...

כדי צו באַווייזן ווי ווייט „קאָמוניסטיש" דער גאַנצער פּוילישער „בונד" איז, באַמערקט גענאָסע קאַהאַן, אַז „זייער (דעם בונד'ס) „קולטור־ליגע" גיט ארויס איבערזעצונגען פון באָלשעוויסטישע שרייבער". און אַלס ביישפּיל ברענגט גענ. קאַהאַן צוויי ביכער: „זיי האָבן אַ זאמלבוך, וואו באָלשעוויקעס רייסן ארונטער טאָלסטאָי'ען". דאָס מיינט גענ. קאַהאַן מסתמא דעם בוך „טאָלסטאָי אין ליכט פון מאַקסיזם", און „אַ באָלשע־וויסטישע געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור" — „אַ בוך וועגן דער וועלט־ליטעראַטור" איז בכלל ניט ערשינען אין אידיש. נאָר גענ. קאַהאַן מיינט מסתמא פריטשעס „געשיכטע פון דער מערב־איירָאָפּעאישער ליטעראַטור", וועלכע איז ניט לאַנג צוריק ערשינען. דער בוך איז טאַקע ארויסגעגעבן געוואָרן פון דער

„קולטור־ליגע", אָבער דער בוך וועגן טאָלסטאָי'ען איז ארויס־געגעבן געוואָרן ניט פון דער „קולטור־ליגע", נאָר פון פארלאַג „ה. בזשאזא". ווארשיינלאך איז דער טעות אנטשטאַנען דורך דעם, וואָס דער בוך איז געווען אַנאָנסירט אין דער „וואָכנ־שריפט" און וואָס יאַטשקאָווסקי האָט איבערגעגעבן דעם פאַר־קויף פון זיינע אויסגאַבן צו דער „קולטור־ליגע". נאָר אַפילו ווען די ביכלאך וואָלטן געווען ארויסגעגעבן דורך דער „קולטור־ליגע", קען מען לויט דעם באַשטימען דעם כאַראַקטער פון אַזאַ גרויסן פארלאַג? פאַרוואָס אים כאַראַקטעריזירן גראָד לויט די צוויי ביכלאך? פאַרוואָס ניט לויט די עטלאכע און דרייסיק ווערק פון שלום אַש, לויט די ווערק פון נאָמבערג'ן, לויט דער גרויסער געשיכטע פון אידישן פאָלק פון דובנאָוו'ן, לויט פּראָפּ. בעער'ס געשיכטע פון סאָציאַליזם, און לויט הונדערטע אַנדערע ביכער, וואָס די „קולטור־ליגע" האָט ארויסגעגעבן?

און איצט קום איך צום לעצטן און וויכטיגסטן פאַרוואורף, וועלכן גענ. קאַהאַן מאַכט דעם פּוילישן „בונד":

„ביי יעדן ענין פּאַסט זיך ווידער צו דערמאָנען די באַציאונג פון פּוילישן „בונד" צום אידישן לעבן. דער אמת איז, אַז צום אידישן לעבן האָט דער פּוילישער „בונד" קיין באַציאונג, קיין שייכות ניט".

איז דאָס טאַקע דער אמת? פון וואַנען קומט צו גענאָסע קאַהאַן אַזאַ שווערע, אומבאַגרינדעטע באַשולדיגונג? ס'איז מאָדנע: איך האָב געהערט פון זייער פיל פריינט און אָנהענגער פון גענאָסע קאַהאַן פּונקט אַ פאַרקערטן פאַרוואורף: „איר, בונדיסטן, פאַרנעמט זיך צופיל מיט אידישע ענינים, אידישע שולן, אידישע ביכער, אידישע ארבעטער, אידיש, אידיש — איר זיינט נאַציאָנאַליסטיש"... און דאָ מאַכט גאָר גענאָסע קאַהאַן אַזאַ שווערן פאַרוואורף אין דער פאַרקערטער ריכטונג. צי ווייס ניט גענ. קאַהאַן, אַז אויף וויפיל עס איז אין פּוילן בכלל פאַראַן אַ קאָנקרעטע טעטיגקייט און אַ קאַמף ארום אידישע ענינים, ווערן זיי געפירט דורכ'ן „בונד"? ווער האָט אָרגאַניזירט און שלעפּט אויף זיינע פּלייצעס דאָס אידישע שול־וועזן אין פּוילן?

ווער האָט אויפגעהויבן די פראַגע פון רעכט אויף אַרבעט פאַר אידישע אַרבעטער און אנטוויקלט אַ העפטיגן קאַמף פון די אידישע מאַסן פאַר דער דאָזיגער פאָדערונג? ווער האָט אָרגאַניזירט אַ גרויסע פּלאַנמעסיגע אידישע קולטור־אַרבעט (קולטור־ליגע)? ווער פירט בכלל אין פוילן אַ קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און ווירטשאַפטלאַכער גלייכבארעכטיגונג פון די אידישע מאַסן, אויב ניט דער „בונד"? זיינען דאָס אַלץ ניט קיין אידישע ענינים? נאַטירלאך, פאַר די אָרטאָדאָקסן באַדייטן אידישע ענינים — שולן צום דאַוונען, מקואות און חדרים. פאַר ציוניסטן — פּאַלעסטינע און העברעאיש. לויט'ן „בונד", אָבער, זיינען דאָס אַלץ זאַכן, וועלכע ברענגען שאָדן די ווירקלאַכע „אידישע ענינים". לויט'ן „בונד" — מיין איך דאָ ניט בלויז דעם פוילישן, ווייל אין דער הינזיכט זיינען צווישן די גענאָסן אַבראַמאָוויטש און ערליך קיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ניטאָ. איז אָט די גאַנצע קאָלאָסאַלע, פּאָזיטיווע אַרבעט פונ'ם „בונד" אַרום אידישע ענינים, ווערט פאַר גענאָסע קאַהאַנ'ען פאַרשטעלט צוליב עפּעס אַ נאָטיץ פון אַ רעפּאָרטער פון וואַרשעווער „מאָמענט", און צוליב דעם, וואָס גענאָסע ערליך האָט ניט גערעדט וועגן די אידן אין פוילן דאַן, ווען אויף דער טאָג־אָרדנונג איז גאָר געשטאַנען די פראַגע וועגן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דייטשלאַנד. איך קען דאָס ווירקלאַך ניט פאַרשטיין.

גענאָסע קאַהאַן גיט אַליין צו, אַז „דער פּוילישער בונד אַ קאָנקרעטע, גרויסע, סאָליד־אָרגאַניזירטע, טעטיגע קערפּערשאַפט". ווי אַזוי וואָלט דער „בונד" געווען „גרויס" און „סאָליד־אָרגאַניזירט" און אַרום וואָס וואָלט ער געווען „אַ טעטיגע קערפּערשאַפט", אויב צו אידישע ענינים וואָלט ער ווירקלאַך קיין שייכות ניט געהאַט, און צו אַלגעמיינע ענינים וואָלט ער פאַרנומען בלויז די שטעלונג פון קריטיק און קיין שום אייגענעם פּאָזיטיוון געדאַנק? דער חשבון שטימט ניט, זייער געערטער גענאָסע קאַהאַן.

דער „בונד" אין פוילן איז אַ קאָלאָסאַלער כח אין אידישן לעבן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַקטיוו, טעטיג אויף אַלע

געביטן; וואָס ער פאַרנעמט זיך ווייניגער פון אַלץ מיט ווערטער און מער פון אַלץ — מיט קאָנקרעטע מעשים. ער איז דאָ, פאַרנעמט זיין אָרט און זיין שטעלונג אין יעדן ווינקעלע פון אידישן לעבן און אין יעדן ווינקעלע פונ'ם אַלגעמיינעם אַר־בעטער־לעבן. ער בויט אינסטיטוציעס — פאָלקס־אינסטיטוציעס, באַשאַפט באוועגונגען. ער איז מיט ביידע פיס אריינגעוואַקסן, ווי אַ בוים, אין דער ווירקלאַכקייט פונ'ם אידישן מאַסן־לעבן, און ער נעמט אויף זיך די שווערסטע און ריזיקאַלסטע אַרבעטן פאַר'ן וואויל פון די אידישע מאַסן. דאָס איז דאָס ריכטיגע בילד פונ'ם „בונד" אין פוילן. גענ. קאַהאַן איז, לײדער, אַריינ־געפירט געוואָרן אין אַ טעות בנוגע אַ רייע וויכטיגע פאַקטן און דערפאַר האָט זיך ביי אים באַקומען אַ פאַלש בילד.

ז. אַ ר ט ו ר.

אב. קאַהאַנ'ס ענטפער *)

גענאָסע אַרטור איז זייער אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דעם פּוילישן בונד. ער אַליין שטעלט זיך פאַר פאַר די "פאָרווערטס" לעזער מיט די פאָלגענדע ווערטער: "אַן אַקטיווער בונדיסט אין פּוילן, וואָס געפינט זיך צייטווייליג אין אַמעריקאַ, און פילט זיך מיטפאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם פּאָליטישן פּנים און פאַר דער טעטיגקייט פון דעם פּוילישן בונד". דעריבער האָט דער „פאָרווערטס" אים געגעבען אַזוי פיל פּלאַץ וויפיל זיין אַרטיקל האָט געפאָדערט. דער אַרטיקל איז געדרוקט אָן שום פאַרקירצונגען אָדער ענדערונגען.

איצט לאָמיר זען:

די צוויי „בונדן"

1) מיין אַרטיקל, מיט וועלכן דער שרייבער פאַרנעמט זיך דאָ, איז הויפּטזעכלאַך באַשטאַנען אין פאָלגענדן: די בונדיסטן וואָס וואוינען אין רוסלאַנד און זיינען געבליבן טריי דעם „בונד", האָבן פאַרשטייער אין דייטשלאַנד — אַ דעלעגאַציע — און זי האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל, וועלכער הייסט „אונזער גדאַנק". אין דער דעלעגאַציע געפינען זיך איינינגע פון די גרינדער און די וויכטיגסטע פירער פון דעם אַלטן „בונד", ווי צום ביישפּיל גענאָסע ר. אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל. מיין אַרטיקל האָט באַטראַכט דעם צווייטן נומער פון זשורנאַל, דעם סעפּטעמבער נומער. ער האָט איבערגעגעבן בקיצור זיין אינהאַלט. אין דיזן נומער ווערט גרינדלאַך און אויספירלאַך קריטיקירט דער פּוילי-

*) „פאָרווערטס", נאָוועמבער 1טן, 1931.

שער „בונד“ אין פארשידענע ארטיקלען. דער ערשטער ארטיקל אין דעם זשורנאל באשטייט פון אן ערקלערונג וואס די דעלע־גאציע פון דעם רוסישן „בונד“ האט צוגעשטעלט צום וויענער קאנגרעס. אויף דעם דאזיגן קאנגרעס איז פארטראטן געווען נית איין „בונד“ נאר צוויי, — דער פוילישער און דער רוסי־שער. פון „אונזער געדאנק“ איז דייטלאך, אז צווישן די צוויי איז אויסגעוואקסן א גרויסער תהום, וועלכער האט זיך געזען אפן וויענער קאנגרעס אין דעם פאקט, וואס די דעלעגאציע פון רוסישן „בונד“ האט געשטימט מיט די 316, ווערנד די שטימען פון דעם פוילישן בונד זיינען געווען צווישן די פינף שטימען פון דער אפאזיציע.

דאס איז דער עיקר פון יענע טיילן פון מיין ארטיקל, וואו איך האב אנגעוויזן אויף דעם אונטערשייד צווישן די 316 און די פינף. איך האב דאס ארויסגעשטעלט אלס אן אפשפיגלונג פון דעם תהום וואס איז ארויסגעוואקסן צווישן די צוויי „בונדן“, דעם אלטן און דעם נייעם (דעם פוילישן). אין „אונ־זער געדאנק“ ערקלערט גענאסע אבראמאוויטש, אז דער פוילי־שער „בונד“ האט זיך דערנענטערט צום קאמוניזם; דאס הייסט צום באלשעוויזם. דאס איז וועגן דעם פוילישן „בונד“ אין אלגעמיין. וואס אמבעלאנגט זיין לינקן פליגל, זאגט גענאסע ר. אבראמאוויטש, אז זיין פירער „קושט סטאלינ׳ס שטיוול און באקומט דערפאר פון סטאלינ׳ען א בריק“.

די זעלבע געדאנגען, וועלכע ווערן אין דעם סעפטעמבער נומער פון „אונזער געדאנק“ ארויסגעזאגט פון גענאסע אבראַ־מאוויטש׳ן, ווערן אויך ארויסגעזאגט (נאך אויספירלאכער און גרינדלאכער) אין א לענגערן ארטיקל אין זעלבן נומער וועגן דעם פוילישן „בונד“ פון גענאסע פ. ליבמאן־הערש, אויך א באקאנ־טער אלטער בונדיסט.

דאס אליץ דערמאנט גענאסע ארטור זאגאר נית. דעם עיקר היפט ער אלזא איבער. אלס א „מיטפאראנטווארטלא־כער“ פארן פוילישן „בונד“ האלט ער פאר זיין פליכט דעם פוי־לישן „בונד“ צו פארטיידיגן, און דאס איז נאטירלאך מיט מיין

בעסטן רעספּעקט צו אים מוז איך אָבער זאָגן, אַז ער טוט דאָס, ווי אַן אַדוואָקאַט פֿאַרטיידיגט זיין קליענט ביים געריכט. דאָ היפּט ער, דאָ זוכט ער צו פֿאַרגלעטן; דאָ באַנוצט ער זיך מיט דעם, צום ביישפּיל, וואָס צוויי פֿאַרשידענע ערשיינונגען שטאַמען פֿון איין קוואַל און האָבן דעם זעלבן נאָמען. און ער רעדט וועגן ערשיינונג נומער צוויי כלומרשט אַזוי, ווי ער וואָלט געענטפֿערט אויף אַ פֿראַגע וועגן ערשיינונג נומער איינס.

פֿאַנאַטיקער

2) אַף דעם ווינער קאָנגרעס האָט עהרליך אַטאַקירט די דייטשע סאָציאַליסטן פֿאַרוואָס זיי שטיצן די ברונינג רעגירונג. עס איז טויזענטער מאָל ערקלערט געוואָרן פֿון די דייטשע גענאָסען אַליין און פֿון אַנדערע סאָציאַליסטן אין אַנדערע לענדער, און מיר דאָ האָבן אויך ערקלערט ווידער און ווידער, — אַז דאָס ווערט געטאָן ניט פֿון ליבע צו ברונינגן, נאָר פּשוט דערפֿאַר, וואָס אין דיזן מאָמענט איז דאָס אַ רעטונג פֿאַר די דייטשע אַרבעטער און פֿאַר דייטשלאַנד בכלל. ווען גענאָסע אַרטור האָט געשריבן זיין אַרטיקל, איז געווען נאָך קלערער ווי פֿריער, אַז ווען די ברונינג רעגירונג וואָלט געפֿאַלן, וואָלט אין מאַכט אַריינגעגאַנגען היטלער מיט זיינע אַנטיסעמיטיש־פֿאַשיסטישע שוואַרצע מאות, וועלכע סטראַשען צו פֿאַרניכטן ניט נאָר די סאָציאַליסטישע פֿאַרטיי, נאָר די גאַנצע דייטשע רעפּובליק. ד. ה., אַז עס וואָלט פֿאָרגעקומען אין דייטשלאַנד דאָס, וואָס מוסאָליני האָט אָפּגעטאָן אין איטאַליע. די טרייד יוניאָנס וואָלטן פֿאַרניכטעט געוואָרן, דאָס פֿרייע וואָרט וואָלט פֿאַרניכטעט געוואָרן. פֿאַר אידן וואָלט דאָס געווען אַ באַזונדער אומגליק, ווארים מוסאָליני באַשעפֿטיגט זיך ניט מיט אַנטיסעמיטיזם, ווערנד היטלער'ס פּראָגראַם שטעלט ארויס אַלס אַ וויכטיגן פּונקט אַ גאַנצע רייע געזעצן געגן אידן, אַן אָפֿענעם פּלאַן זיי צו אונטערדריקן און זיי צו באַהאַנדלען ערגער — אַ סך ערגער — ווי זיי זיינען געוואָרן באַהאַנדלט אין רוסלאַנד אינטער די צאַרן.

א גרויסע געפאר הענגט איבער דייטשלאנד: די מאכט פון די היטלערישע שווארצע מאות, וועלכע זיינען אונגעהייער שטארק און ווערן וואס א טאג חוצפה'דיגער און בלוט דארשטיגער. גע־נאסע ארטור פארנעמט א סך פלאץ מיט טעארעטישע רייד וועגן קאאליציע. דא איז אבער ניט קיין פראגע פון טעארעטישע פלפולים• עס איז א ביטערע פראקטישע פראגע, א פראגע פון לעבן און טויט פאר די דייטשע ארבעטער, פאר די דייטשע אידן אלס אידן און פאר דייטשלאנד'ס פרייהייט בכלל. די לאגע איז גראד אזא, אז דער וואס שטימט פאר דער ברונינג רעגירונג, יענער שטימט געגן היטלעריזם און דער וואס שטימט געגן איר, יענער שטימט מיט די היטלעריסטן, דאס הייסט געגן די דייטשע ארבעטער, געגן די דייטשע אידען אלס אידען און געגן דער דייטשער רעפובליק.

אזא אפשטימונג איז פארגעקומען אין רייכסטאג פרייטאג, דעם 16טן אקטאבער. אלע פארטייען, וועמען עס איז טייער די רעפובליק, די סאציאל־דעמאקראטישע אריינגערעכנט, האבן גע־שטימט פאר דער ברונינג רעגירונג. דאס הייסט, די קאמוניסטן האבן, ווי אימער, געשטימט מיט היטלער'ן. די פריינד פון דער רעפובליק האבן געזיגט מיט 24 שטימען. ניט קיין גרויסע מא־יאריטעט; אבער די רעפובליק איז דאך גערעטעט געווארן; דייטשלאנד איז גערעטעט געווארן פון א פאשיסטישער דיק־טאטור.

גענאסע עהרליך, פון דעם פוילישן „בונד", האט אויפ'ן ווי־נער קאנגרעס גערעדט און געשטימט געגן דער ברונינג טאקטיק פון די דייטשע גענאסן. ער האט גערעדט און געשטימט פונקט ווי די דייטשע קאמוניסטן. דאס הייסט, אז ווען ער וואלט גע־ווען א דעפוטאט אין דעם דייטשן רייכסטאג, וואלט ער פארינגן פרייטאג געשטימט מיט די קאמוניסטן און מיט די היטלעריסטן.

גענאסע ארטור ערקלערט, אז קאמוניסטן זיינען „עקסט־רעמע לינקע". מיר האבן דא געזען אז גענאסע עהרליך'ס רעדע און זיין שטימע זיינען געווען אבסאלוט אין איינקלאנג מיט די טענות און האנדלונגען פון די דייטשע קאמוניסטן. ער האט

גערעדט ווי אן „עקסטרעם לינקער". עס זענען פאראן לינקע, וועלכע זענען ניט איינפערשטאנען מיט געוויסע פונקטן אין דער פאליטיק פון דער סאציאל־דעמאקראטיע, אבער זיי האנדלען ניט ווי קאמוניסטן. זיי ארבעטן ניט פאר די היטלעריסטן.

גענאסע ארטור איז בייז אויף אטטא וועלס'ן, דעם פירער פון די דייטשע סאציאלדעמאקראטן, פאר זיין סארקאסטישן ענטפער אויף עהרליך'ס רעדע אויפן ווינער קאנגרעס. גענאסע עהרליך האט דארטן אטאקירט די סאציאל־דעמאקראטן, פאר־וואס זיי שטיצן די ברונינג רעגירונג. אבער ווי עס איז שוין ערקלערט געווארן, פאר דייטשלאנד איז דאס א פראגע פון לעבן און טויט. שטעלט אייך פאר, אז עס ברענט א הויז און איר לעשט די פלאמען צוזאמען מיט א קריסט, וועלכער איז אייערער א שכן. שטעלט אייך פאר, אז א פרומער איד, א פארטומלטער פאנאטיקער, מאכט א גוואלד, פארוואס איר מאכט שותפות מיט א גוי, וואלט איר ניט פארלארן די געדולד? וואלט איר דעם פא־נאטיקער ניט אפגעענטפערט מיט א גיפטיגן ווארט?

אטטא וועלס האט פון גענאסע עהרליך'ס רעדע געמאכט א בייזן שפאס. און דאס איז נאטירלאך. גענאסע ארטור זאגט, אז וועלס'ס און אטטא באוער'ס ענטפערס זענען נאר געווען א רעדנערישער מאניער, וואס מען נעמט ניט ערנסט. ער האט א טעות. די גרויסע סאציאליסטישע וועלט האט זייערע ענטפערס גענומען זייער ערנסט און האט זיי אפלאדירט פון טיפסטן הארצן. די פאנאטיקער וואס שטערן די פייער־לעשער און העלפן די אונ־טערצינדער, מוזן ארויסברייגגען פון געדולד.

3) גענאסע ארטור דערמאנט די לעצטע פאסירונגען אין דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי. ער וויל ווייזן, אז דארטן קומט פאר א גרויסער קאמף צווישן לינקע און רעכטע. אז עס זענען פאראן „טויזנטער סאציאליסטן פון איין זייט און טויזנטער סאציאליסטן פון דער אנדער זייט". יא, די לעצטע פאסירונגען אין דער דייטשער פארטיי ווייזן גאנץ דייטלאך, אז די לינקע שפילן דארטן ניט קיין וויכטיגע ראלע. זיי האבן קיין באדייטונג ניט. א געוויסע צאל פון זיי זענען ניט געווען לאיאל

און האָבן געוואָלט שעדיגן דער פּאַרטיי, האָט מען זיי אויסגע־שלאָסן; און דאָס איז אַלץ. די פּאַרטיי איז גרויס, און ניט טויזענטער, נאָר העכער ווי אַ מיליאָן מיטגלידער זענען לאָיאַל און זיי שעצן אָפּ ווי וויכטיג עס איז ניט צו דערלאָזן אז די היט־לעריסטן, געהאָלפן פון די קאָמוניסטן, זאָלן אריינטראָגן א פאַשיס־טישע דיקטאַטור אין לאַנד.

דער„ פאָרווערטס" האָט געגעבן די ריכטיגע נאַכריכטן וועגן דיזן פּונקט און ספּעציעלע ערקלערונגן אין ד. שוב'ס נאָטיצן און אין אן אויספירלאַכער קאָרעספּאָנדענץ פון גענאָסע ר. אַב־ראַמאָוויטש וועגן דעם ענין.

די „שפּאַלטונג" אין דער דייטשער פּאַרטיי

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי ערלויבט אירע מיטגלי־דער צו זיין לינק ווי זייער הארץ גלוסט און זי גיט אירע „לינקע" פולע פרייהייט צו אַגיטירן פאַר זייער שטאַנדפּונקט איננוויינינג, אין דער פּאַרטיי. אַלץ, וואָס זי פאָ־דערט איז אז זיי זאָלן זיין לאָיאַל צו דער אָרגאַניזאַציע.

אונזער גענאָסע ר. אַבראַמאָוויטש רעכנט זיך אויך צווישן די לינקע. ער איז אָבער אַבסאָלוט פריי פון דעם באָלשעוויס־טישן גייסט, וועלכער הערשט אין דעם פּוילישן „בונד". ער איז אַבסאָלוט לאָיאַל צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, פון וועלכער ער איז אַ מיטגליד, און זיין „לינקיזם" פאַרטומלט אים ניט דעם קאָפּ און פאַרבלענדעט ניט זיינע אויגן, אז ער זאָל ניט זען די געפאַר, וואָס הענגט איצט איבער דייטשלאַנד. אויף דעם ווינער קאָנגרעס האָט ער ניט געשטימט מיט די פינף, ניט געשטימט ווי אַ קאָמוניסט, נאָר מיט די 316.

אָטאָ באוער איז דאד אויך פאררעכנט צווישן די לינקע (בארימט זאָגאר אַלס אזעלכער) און ער איז דאָך געווען דער פירער פון די 316; און איצט פארדאמט ער די אָפּגעשפּאַל־טענע לינקע פון דייטשלאַנד'ס סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אויפ'ן שאַרפסטן אופן.

און ווי האנדלען די פינף? מאַקסטאָן האָט צו די שפּאַל־

טער טעלעגראפירט א „מזל טוב“, און עהרליך האט אין דער „פאלקסצייטונג“ אן ארטיקל, וועלכער רעדט וועגן זיי מיט העכסט־פריינדלאכע, ווארימע ווערטער, און ער דערציילט מיט שטאלץ, אז ער האט זיך מיט זיי „סאלידאריזירט“ ביים ווינער קאנגרעס. ער זאגט נאר, אז ווען די שפאלטער וואלטן געבליבן אין דער פארטיי, וואלטן זיי געהאט גרעסערע מעגלאכקייטן צו פארברייטן זייער אפאזיציאנעלן שטאנדפונקט אין דער פארטיי. דאס איז דאס איינציגע וואס אינטערעסירט אים. דער ארטיקל איז אין אלגעמיין א ווידערהאלונג פון זיין רעדע, וועלכע האט ארויסגערופן אזויפיל ענטריסטונג און ביטערן שפאס אויפ'ן ווינער קאנגרעס.

דער אונטערשייד צווישן דיזן ארטיקל זיינעם און דעם ארטיקל פון גענאסע אבראמאוויטש איבער דעם זעלבן ענין, וועלכער איז געווען אפגעדרוקט אין דעם פאראכטאגעדיגן זונטאג־„פארווערטס“, איז דער אונטערשייד צווישן א באלשעוויסטיש־גענויגטן געגנער פון סאציאל־דעמאקראטיע, און א טרייען סאציאל־דעמאקראט, וועלכער האט סימפאטי מיט די „לינקע“, וואס בלייבן לאיאל.

איך באדויער, וואס איך קען זיך ניט ערלויבן פלאץ גענוג איבערצוגעבן אויספירלאך די ארגומענטן, וועלכע גענאסע עהרליך גיט אין דעם דאזיגן ארטיקל, פארוואס מען דארף שטימען קעגן דער ברונינג רעגירונג.

דער עיקר באשטייט אין פאלגענדן: ערשטנס, ווייסט מען ניט אויף געוויס, אז ווען די ברונינג רעגירונג זאל פאלן וואלט היטלער באקומען די מאכט. צווייטנס, ווען די סאציאל־דעמאקראטיע וואלט ניט אפגעשוואכט דעם קלאסן־באוואוסטזיין פון דעם דייטשן פראלעטאריאט, וואלט די היטלער־כוואליע זיך ניט פארשפרייט.

וואס אנבאטרעפט דעם ערשטן פונקט, הייסט עס, אזוי. למשל: מען טאר ניט לעשן א שריפה, ווייל ווער ווייסט? אפשר וועלן די פלאמען זיך גאר ניט פארשפרייטן? לעשן, הייסט עס, מעג מען ערשט דאן, ווען דער פלאקער נעמט שוין

ארום די גאנצע געביידע (און אפילו דאן אויך ניט, אייגענטלאך, ווארים ווי קאן מען דאס גיין צוזאמען מיט א גוי?) וואס אנ־באטרעפט דעם צווייטן ארגומענט, וואלט מען געקענט מיינען, אז די היטלער באוועגונג פון קליינע געשעפטס־לייט, קרעמער, וואס האבן געליטן פון די קריזיסן, טשינאווניקעס און אפיצערן, וואס האבן נאך דער מלחמה פארלארן זייערע שטעלעס, — אז דאס איז אן ארבעטער באוועגונג, וועלכע ציט אפ דעם פראלע־טאריאט פון דער סאציאל־דעמאקראטיע! דיזער סארט „אויס־קאפעלויש־מאכערס" און אויסגעשפילטע קאפיטאליסטן און קא־פיטאליסטלאך — עטלאכע מיליאן אין צאל — זענען דער קער־פער און דער קאפ פון דעם „אנטיסעמיטיש־פאטריאטישן" פא־שיזם. עס זענען אויך ארייננגעשלעפט געווארן א געוויסע צאל ארבעטער, אבער זיי זענען פון יענעם אונפאראנטווארטלאכן ערב רב, וועלכער איז אין דייטשלאנד, — זינט דאס לאנד האט פארלארן דעם קריג און דורכגעמאכט אלערליי קריזיסן — זייער צאלרייך. זיי גייען היינט מיט דעם דעמאגאג, מארגן מיט יע־נעם, איבערמארגן גאר מיט א קאמוניסטישן פראזן־שיסער און דעם נעקסטן טאג קערן זיך פילע פון זיי אום צוריק צו היט־לער'ן.

איר לייענט גענאסע עהרליך'ס „ארגומענטן" און איר קוועטשט מיט די פלייצעס. איר טראכט זיך: אט אויף דעם איז געבויט זיין איבערצייגונג, אז מען דארף טאן ווי די דייטשע קאמוניסטן טוען, און שטימען מיט די היטלעריסטן? איר פרעגט זיך דאס און איר קוועטשט ווידער מיט די פלייצעס.

4) ז. ארטור זאגט, אז גענ. עהרליך האט אויפ'ן קאנגרעס ניט דערמאנט דעם ווארט „איד" דערפאר, וואס דארטן האט זיך גאר געהאנדלט וועגן דייטשלאנד. אבער די ערשטע העלפט פון עהרליך'ס רעדע איז דאך געווען וועגן פוילן, ניט וועגן דייטש־לאנד. וואס־זשע? עהרליך האט די פוילישע סיטואציע געב־רויכט פאר אן ארגומענט, אז מען טאר ניט אונטערשטיצן ברור־נינג'ן? ווען מען לייענט אבער דאס, וואס ער האט געזאגט וועגן פוילן, זעט מען אז עס בעט זיך מען זאל רעדן אויך וועגן

דער אידישער לאַגע אין פּוילן, אָבער דאָס האָט ער אפילו ניט דערמאָנט.

די איטאַליענישע דעלעגאַטן ביים קאָנגרעס האָבן גערעדט וועגן איטאַליע און אנדערע דעלעגאַטן האָבן גערעדט וועגן זייערע פעלקער. דער איינציגער דעלעגאַט, וואָס איז געשטאַנען אַלס פאָרשטייער פון די פּוילישע אידן, האָט דעם וואָרט „איד" ניט דערמאָנט. און דאָס איז געווען דער פאָרשטייער פון „בונד".

5) גענאָסע ארטור זאָגט, אַז דער פּוילישער „בונד" „אינפאָרמירט אָביעקטיוו וועגן אַלע שלעכטע ווי וועגן די גוטע מעשים פון די באָלשעוויקעס". דאָס, אום צו זיין העפלאַך, איז א גאַנץ דרייסטע באַהויפּטונג. דער, וואָס איז מער אָדער ווייניגער באַקאַנט מיט דער „פאָלקסצייטונג", מוז ביי אַזא ערקלערונג מאַכן א מינע פון ערשטוינונג. גענאָסע ארטור זאָגט: „באַזונדער שטעלט דער פּוילישער בונד ארויס דעם טעראָר וואָס מען באַגייט אין סאָוויעט רוסלאַנד געגן די סאָציאַליסטן". דאָס וואָרט „באַזונדערס" איז דאָ אריינגעשטעלט געוואָרן זייער כיטרע. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער „בונד" אַטאַקירט ווירקלאַך „אַלע" שלעכטע מעשים, וואָס די סאָוויעט רעגירונג טוט, נאָר ב א ז ו נ ד ע ר ס אָט די דאָזיגע. עס איז אמת, אַז דיזן סאָרט טעראָר האָט די „פאָלקסצייטונג" קריטיקירט (זייער פאָרזיכטיג). אָבער דאָס איז געווען א זייער זעלטענע אויסנאַמע און דיזע אויסנאַמע איז אין מיין ארטיקל דערמאָנט געוואָרן.

די וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג" האָט קריטיקירט (אַף א גאַנץ מילדן שטייגער און מיט תרוצים) די סקאַנדאַליעזע בלאָף־באַשולדיגונג געגן די פערצן סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אָבער א גאַנצע רייע הימל־שרייענדע בלאָף־פּראָצעסן האָט דאָך סטאַלין געמאַכט געגן עהרלאַכע אומשולדיגע אינזשיניערן; דאָס און דער פאַקט, צום ביישפּיל, אַז די סאָוויעט רעגירונג פאַרשיקט און פאַרמוטשעט צום טויט מיליאָנען אַבסאָלוט אומשולדיגע פּויערים, און אַז זי האָט געשאַפן אין אירע טשעקאַ־קעלערן הונדערטער־טויזענטער אומשולדיגע מענטשן; אַז הונדערטער־טויזענ־

טער אידישע פאמיליען זענען אומגעבראכט געוואָרן א. ז. וו. אזעלכע זאכן ווערן אבסאָלוט איגנאָרירט אין דעם אָרגאַן פון „בונד". אַלץ ווערט פארשוויגן, קיין וואָרט פון קריטיק קומט ניט אריין. דער וואָרט „באַזונדערס" רוקט גענאָסע ארטור אריין גאנץ „לאָוקע". אנשטאָט די ווערטער: „אַלס אן איינ־ציגן אויסנאַם", ברויכט ער דעם וואָרט „באַזונדערס"!

ניין, דער „בונד" אָרגאַן קריטיקירט ניט די מערדערייען פון סאָוועטישן רעזשים, פונקט ווי די קאָמוניסטן קריטיקירן זיי ניט. ווען די ווארשעווער „פאָלקסצייטונג" האָט מילד און מיט פארענטפערונגען קריטיקירט די בלוטיגע קאָמעדיע מיט דעם הימל־שרייענדן בלבול געגן די פערצן סאָציאַליסטן, האָט מען זיך געוואונדערט: ווי קומט עס צום אָרגאַן פון „בונד"?

די זעלבע סאָוויעטישע רעגירונג האָט פונקט אַזעלכע בלוּ־טיגע בלאָף־באשולדיגונגען געמאַכט געגן גרופן אונשולדיגע אינ־זשעניערן און אנדערע געלערנטע ספּעציאַליסטן און פילע פון זיי געשאָסן אָדער פארשיקט, און דער אָרגאַן פון דעם פוילישן „בונד" האָט דאָס שטענדיג פארשוויגן.

גענאָסע ארטור רעדט וועגן דער יוניאָן ברעכערישער טאַק־טיק פון קאָמוניסטן און ער זוכט צו באַווייזן, אַז עס איז שווער צו באשטימען וואָס עס הייסט א „קאָמוניסט". ער באַשטימט דאָס אָבער פּאָרט. און ווי אַזוי? שטעלט אָן אויערן און הערט, ליבער לעזער: א קאָמוניסט איז דער, וואָס שפּאַלט יוניאָנס און „פאַרהערלאַכט די שפּאַלטונג אין דער ארבעטער באַוועגונג". עס קומט אויס, אַז די חברה פון דער גע־פּע־או, וואָס שפּאַלטן ניט קיין יוניאָנס, נאָר קעפּ, זענען קיין קאָמוניסטן ניט...

ער מישט דאָ צוזאַמען צוויי־ערליי זאַכן: די מעשים פון די קאָמוניסטן וואָס געפינען זיך אויסערהאַלב סאָוועט־רוסלאַנד מיט די טאַטן פון די קאָמוניסטן אין סאָוועט רוסלאַנד. אין פוילן ליידט דער „בונד" פון די פוילישע קאָמוניסטן און זיי אַטאַקירט ער. די קאָמוניסטן אָבער פון סאָוועט רוסלאַנד זע־נען בא אים כשר. אין מיין ארטיקל איז אָבער גערעדט גע־וואָרן וועגן דער באַציאונג פון פוילישן „בונד" צ ו ד י

ק אָ מ ו נ י ס ט ן פ ו ן ס אָ ו ו ע ט ר ו ס ל אַ נ ד, נ י ט צ ו ד י ק אָ מ ו נ י ס ט ן פ ו ן ו ו אַ ר ש ע.

און דער זשורנאַל „אונזער גערדאַנק" ווייזט ארויס דעם אונ־טערשייד צווישן דעם איצטיגן פוילישן „בונד" און די בונדיסטן וואָס געפינען זיך אין סאָוועט רוסלאַנד און זענען געבליבן טריי דעם אַלטן „בונד", — דעם אונטערשיד צווישן זיי אין זייער האַלטונג צו סאָוועט רוסלאַנד. דיזע צוזאַמענמישונג פון די רו־סישע קאָמוניסטן מיט די אויסלענדישע קאָמוניסטן איז אויך אַ כיטרע שטיקל „אַדוואָקאַטור".

„פראָלעטקולט"

6) דאָס, וואָס די וואַרשעווער „קולטור ליגע" געפינט פאַר נויטיג ארויסצוגעבן דעם באָלשעוויסטישן בוך וועגן מערב־איי־ראָפייאישע ליטעראַטור, און צו פארשפרייטן דעם באָלשעוויס־טישן בוך געגן טאָלסטאָי'ן, איז זייער כאַראַקטעריסטיש. עס שטימט מיט דער גאַנצער ליטעראַטור טעאָריע, וועלכע די „קולטור־ליגע" פריידיגט דורך איר „וואָכנשריפט". עס איז די באָלשעוויסטישע טעאָריע פון „פראָלעטקולט" (דאָס הייסט אַז ליטעראַטור טאָר זיך ניט באַשעפטיגן מיט קיין אנדער זאַך ווי מיט דעם לעבן פון דעם רעוואָלוציאָנערן פראָלעטאַריאַט· אַז צו שילדערן דעם לעבן פון א אידישן קרעמער, אָדער א פארהונ־גערטן קבצן, וואָס איז ניט קיין ארבעטער, איז טריף). די דאָזיגע טעאָריע ווערט געפריידיגט אין סאָוועט רוסלאַנד אָן אַ פונק אויפריכטיגקייט. דער צוועק דערפון איז היפאָקריטישע פראָפאַגאַנדע אין דעם זין פון „גע־פע־או". עס איז אַ מיטל צו פאַרטומלען מוחות, אויסצושליסן די גרויסע ברייטע ליטע־ראטור פון דער וועלט, און צו באַשרענקען דעם עולם בלויז אויף דעם, וואָס איז פארבונדן מיט דעם בלוטיגן רעזשים פון „גע־פע־או".

די מאַכט־האָבענדע (סאָוויעט) רוסישע קריטיקער דינען איצט מיט זייערע פעדערס אָפן אַלס זשאַנדאַרן פון דער „גע־פע־או". ווען אַ שריפטשטעלער שילדערט עפּעס, וואָס

אדוועטייזט ניט די „פּיאַטילעטקע“ מאַכן זיי אַן אָפענעם „דאַ־נאָס“ אויף אים און שרייען „קאָנטר־רעוואָלוציע“.

אינטערעסאַנט איז אָבער דאָס פאָלגענדע: איינציגע פון די בעסערע רוסישע שריפטשטעלער אין סאָוועט רוסלאַנד האָבן די לעצטע צייט באַקומען מוט אַרויסצוטרעטן אָפן געגן דיזער זשאַנדאַרם־קריטיק. דאָס איז אַ שטימע פאַר אמת'ער ליטעראַ־טור, פאַר ליטעראַטור, וואָס איז פריי צו שילדערן דעם מענטש־לאַכן לעבן, אָהן פּראָלעטקולטישע באַשרענקונגען און זשאַנדאַר־מישע צענזורן. דער קולטור־ליגע'ס „וואָכנשריפט“ אָבער פרע־דיגט אַלץ „פּראָלעטקולט“.

אַזעלכע ווערק ווי שלום אַש'ס, וואו עס ווערן מיט סימ־פּאַטיע געשילדערט קרעמער, סוחרים, רבנים, אַזוי גוט ווי אַר־בעטער, זענען נאַטירלאַך אַ ווידערשפּרוך צו „פּראָלעטקולט“. דאָך, צוליב ביזנעס, רייסט דער אָרגאַן פון דער קולטור־ליגע זיי ניט אַרונטער. אדרבא, מען גיט זיי אַרויס און מען אַדווער־טייזט זיי מיט אַלע קרעפטן. דאָס איז אָבער אַן אַנדער פראַגע. פאַר געגנאָסע אַרטור'ן איז וויכטיג דער פאַקט, אַז אַש'ס ווערק פרעדיגן ניט קיין באָלשעוויסטישע תורה. אלזאָ, האָט ער אַ טענה: פאַרוואָס זאָג איך, אַז די „קולטור־ליגע“ גיט אַרויס ביכער וואָס לערנען באָלשעוויסטישע פּרינציפּן? עס עראינערט אָן דעם אידן, וועמען דער רב פון שטעדטל האָט גערופן „טרייפ־ניאַק“, ווייל ער עסט טריפות. יענעם'ס ענטפער איז געוועזן, אַז ער עסט כשר'ע מאכלים אויך. אלזאָ, איז ער אַ כשר'ער איד. דאָ האַנדלט זיך ווענן דעם, וואָס די „קולטור־ליגע“ און דער „בונד“ אין אַלגעמיין פּ ר ע ד י ג ט באָלשעוויסטישע תורה. ווען ז. אַרטור לייקענט דאָס, איז עס אַזוי, ווי ער וואָלט לייקענען, אַז אין פּוילן איז דאָ אַ שטאָדט וואָס הייסט וואַרשע.

ווען מען לייענט די פאַנאַטישע, טרוקענע, טויטע, פאַרפּלאָנ־טערטע מגלות פון דער „וואָכנשריפט“ ווענן ליטעראַרישע **ענינים**, אַז מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס זענען די גייסטיגע מאכלים, מיט וועלכע מען קאָרמעט די אונערפאַרענע יונגע אַרבעטער פון פּוילן, ווערט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצן.

מאָסקווע גיט ארוים א סך ביכער פון דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור, וועלכע זענען אמת ווערטפולע, טייערע ווערק. ווען עס קומט אָבער צו קריטיק און צו פרעדיגן א טע־אָריע פון ליטעראַטור, איז דאָס הויפּטזעכלאָך „פּראָלעטקולט", און דאָס טוט נאָך דער פּוילישער „בונד".

עס קומט אויס זאָנדערבאַר: די פּוילישע קאָמוניסטן פּאָג־ראָמעווען פארזאמלונגען און אַנשטאַלטן פון די פּוילישע בונ־דיסטן, און די בונדיסטן קעמפן געגן זיי; און דאָך „זאָגן זיי מיט די קאָמוניסטן פון דעם זעלבן סדור", ווי א ניויאָרקער געגנאַ־סע האָט זיך אויסגעדריקט. אָבער אום צו פאַרשטיין, מוז מען באַטראַכטן די גאַנצע געשיכטע פון דעם פּוילישן „בונד" אין די לעצטע פערצן יאָר. ווי עס ווערט דערציילט אין „אונזער געדאַנק" איז א דריטל פון דעם אַלטן „בונד" איבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן באַלד נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. נו, און דער איצטיגער פּוילישער „בונד" האָט אויך געהאַלטן גאַנץ נאָהענט דערבײַ, און ער געפינט זיך עד היום אונטער א שטאַרקן איינפלוס פון דעם זעלבן „סדור". געגנאָסע הערש ער־קלערט אין דעם סעפּטעמבער נומער פון „אונזער געדאַנק" די פּסיכאָלאָגיע פון דעם בונדיסטישן עולם אין פּוילן און די פּסי־כאָלאָגיע פון זיינע פירער, וועלכע פילן זיך געצוואונגען נאָך דעם עולם נאָכצוגיין. עס וואָלט זיך פאָדערן א מאסע איינצעלהייטן די גאַנצע סיטואַציע געגוי צו ערקלערן.

דער פּוילישער „בונד" און די אידן

7) ווי איך האָב שוין געזאָגט אין מיין ארטיקל וועגן „אונ־זער געדאַנק", האָט דער פּוילישער „בונד" וויכטיגע פאַרדינסטן. ער האָט א שטאַרקע, צימליך גרויסע אידישע ארבעטער אָרגאַני־זאַציע, און אים קומט אָן צווייפל קרעדיט פאַר געוויסע וויכטיגע אויפטואונגען. ער איז אָבער דורכגעדרונגען מיט א טיפן פאַנאַ־טיזם, וועלכער קומט הויפּטזעכלאָך פון דעם מאָסקווער קוואַל, און אויב ער טוט גוטעס, טוט ער אויך גענוג שאָדן. דאָס גוטעס, וואָס ער טוט, וואָלט געווען ניט אַן ערך גרעסער, ווען ניט דער

דאָזיגער באָלשעוויסטישער פאַנאַטיזם. ווען דער פּוילישער בונד רעדט וועגן דעמאָקראַטיע, רעדט ער נאָר וועגן א „פּראָלעטאַרי־שער דעמאָקראַטיע". אַנדערע מענטשן ווי פּראָלעטאַריער, אפילו אונטער היינטיגע אַנדערע אומשטענדן, זענען קיין מענטשן ניט, הייסט עס—פּונקט ווי עס לערנט די טעראָריסטיש־הערשענדע פּאַרטיי פון סאָוועט רוסלאַנד.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ניין־און־נייניציג פּראָצענט פון די פּוילישע אידן זענען פאַבריק־ארבעטער. דער פאַקט איז, אַז די דריי מיליאָן פּוילישע אידן זענען מייסטענס סתם קבצנים, וואָס שטאַרבן פון הונגער — קרעמערלאַך, הענדלערלאַך, צרה'־דיגע באַלעבאַטימלאַך פון ווארשטאַטן, וואָס חלש'ן פאר א גראָשן, און א געוויסע צאָל ארבעטער. איך זאָג „א געוויסע צאָל", ווייל אידישע פּראָלעטאַריער אין דעם שטרענג־מאַרקסיסטישן זין פון דעם וואָרט זענען א גאַנץ קליינע מינאָריטעט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. די אידישע טראַגעדיע אין פּוילן איז א שרעקלאַכע טראַגעדיע, און אירע קרבנות זענען כמעט אלע אידן. באַשרענקען זיך אויף א קליינער מינאָריטעט, וועלכע פּאַסט זיך אריין אין א ווילד־פאַנאַטישע טעאָריע — דערצו מוז מען זיין א באָלשעוויק. דער, וואָס גייט אויף אזא וועג, קען זיך סאָציאַל־דעמאָקראַט ניט רופן.

גענאָסע ארטור זאָגט, אז דער פּוילישער בונד באַשעפטיגט זיך יאָ מיט'ן אידישן לעבן. אמת. ער טוט דאָס אָבער אויף זיין „פּראָלעטקולטישן" שטייגער. געגאָסע ארטור דערמאַנט די אָרטאָ־דאָקסן, בא וועלכע „אידישע ענינים באַדייטן נאָר שולן צום דאַווענען, מקוואות און חדרים". דער פּוילישער בונד האָט אָבער זיינע פּראָלעטקולטישע שולן צום דאַווענען, און זיינע פּראָלעט־קולטישע מקוואות און חדרים! די שולן, וועלכע ער קאָנטראָלירט, זענען אָנגעזאַפּט מיט א גייסט, וועלכער צאַמט די אידישע ארבע־טער אָפּ פון אלע אַנדערע אידן. דער, וואָס געהערט ניט צו זיין „שול־צום־דאַווענען", יענער איז קיין איד ניט.

געגאָסע ארטור דערמאַנט דעם בונד'ס קאַמף פאר „רעכט אויף ארבעט" פאר אידן. אָבער ווען דער בונד וואָלט ניט געווען

אזוי סעקטאַנטיש, אזוי פאַנאַטיש, אזוי אומטאָלעראַנט פּראָלעט־קולטיש, וואָלט דיזע באַוועגונג געווען א סך, אסך מער ערפאָלג־רייך ווי זי איז איצט. ווען דער בונד וואָלט מיט א ברייטערן שטאַנדפּונקט אין געפיל און מיט מער טאָלעראַנץ און טאַקט אויסגענוצט אַן איינפלוס אויף דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּארטיי, וועלכע האָט אין אירע רייען געגוג נאָבעלע אידעאַליסטן, ספּעציעל איצט, און ווען ער וואָלט אויך געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָלט די באַוועגונג פאַר רעכט אויף ארבעט געבראַכט וויכטיגע ממשות'דיגע רעזולטאַטן. זיין איצטיגער „סדור" לערנט אים אָבער אריינצולייגן אין חרם אלע און אלעס, וואָס געהערט ניט צו זיין בית המדרש.

די הויפּט־פירער פון דעם פּוילישן בונד, מיט וועלכע איך בין באַקאַנט, זענען ערלאַבע, טרייע סאָציאַליסטן און פּערזענלאַך סימפּאַטישע מענטשן. לויט גענאָסע הערש'ס ערקלערונג, ווערן זיי גייסטיג באַהערשט פון א באָלשעוויסטיש באַאיינפלוסטע מאַסע יונגעלייט. אזוי צי אַזוי, דער בונד אין פּוילן וואָלט באַדאַרפט האָבן א סך מער איינפלוס ווי ער האָט. ווי ערקלערט זיך דער פאַקט, למשל, אַז זיין אָרגאַן האָט די קלענסטע צירקו־ליאַציע פון אלע טעגלאַכע אידישע צייטונגען אין וואַרשע? ער האָט באַדאַרפט זיין דער אָרגאַן פון די אידישע מאַסן אין אַ ברייטן, ניט אין א שמאָלן פאַנאַטישן זין פון דעם וואָרט. ער האָט באַדאַרפט האָבן די גרעסטע צאָל לעזער, ניט די קלענסטע. דער פּראָלעטקולט לייגט אָבער ארויף א פּאַרגליווערטן זיגל אויף אלץ, וואָס דער בונד אונטערנעמט.

מיט די אינטערעסן און געפילן פון די אידן בכלל רעכנט זיך ניט דער פּוילישער בונד. מיט א פּאָר יאָר צוריק, צום ביי־שפּיל, האָט זיך געקאָכט אין פּוילן מיט דעם פאָלגענדן פאַקט: דער קאָאָפּעראַטיוו פון דעם פּוילישן בונד האָט אַן אָפּטיילונג אויף דער נאַלעווקע (דאָס האַרץ פון אידישן קוואַרטאַל, די העסטער סטריט פון וואַרשע), האָבן זיי זייער קלייט יום כפור געהאַלטן אָפן. דאָס איז געווען דער איינציגער אידישער געשעפט, וואָס איז געווען אָפן אין וואַרשע. דער, וואָס שרייבט דיזע שורות, איז

ניט מער רעליגיעז, ווי גענאָסע עהרליך אָדער ארטור. דאָס איז א פראַגע פון טאָלעראַנץ און איינזייעניש צו די געפילן פון די אידישע מאַסן. אָבער די אידישע מאַסן אין דעם אמת'ן זין פון דעם וואָרט עקזיסטירן ניט פאר זיי. די גרויסע אלגעמיינע אידישע טראַגעדיע אין פוילן עקזיסטירט ניט פאר זיי. פאר זיי עקזיסטירט נאָר דער זאָגענאַנטער רעוואָלוציאָנערער אידישער פראָלעטאַריאַט, די איבעריגע אידן מעגן זיך הענגען און טרינקען. אַי, דער יונגער אידישער שניידער, וואָס געהערט היינט צום בונד, קען מאָרגן עפענען אַ וואַרשטאַט און אויך שטאַרבן דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער? וועט ער דאַן שוין ניט געהערן צום פראָלעטאַריאַט, נאָר צו דעם „קאַפּיטאַליסטישן" קלאַס!

איינער פון די וויכטיגע פאקטן, וועלכע איך האָב דערמאנט אין מיין ארטיקל און וועלכע גענאָסע אַרטור היפּט איבער, איז באַשטאַנען אין פאָלגענדן: פון די פוילישע בונדיסטן, וואָס זענען אין די לעצטע צען־צוועלף יאָר געקומען קיין אמעריקע און זענען דאָ אריין אין דער באַוועגונג, איז אן אומגעהייערע מאַיאָריטעט צוגעשטאַנען צו די היגע קאָמוניסטן און מיט גרויס „באַגייסטערונג" זיך גענומען „פאַרהערלאַכן די שפּאַלטונג אין דער ארבעטער באַוועגונג". צווישן די, וואָס האָבן אָנגעפירט די עקלהאַפּטסטע פּאָגראָמען אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און אין דער פאָריערס יוניאָן, בעת די קאָמוניסטן האָבן אָנגעפירט זייער טעראָריסטישע הערשאַפט איז געווען אַ גרויסע צאָל אימיגראַנטן, וועלכע האָבן זייער „סאָציאַליסטישע" ערציהונג באַקומען אין דעם פוילישן בונד.

אַזעלכע אַרטיקלען ווי דער אויבן דערמאָנטער פון גענאָסע עהרליך'ן פארטיגן צו קאָמוניסטן ניט נאָר פאר אַמעריקע, נאָר פאַר פוילן גופא. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס מאַסן אידישע בחורים'לאך אין פוילן ציהען זיך צו די דאָרטיגע קאָמוניסטן. ניט נאָר די קאָמוניסטן, נאָר דער בונד אויך ארבעט דערפאַר.

גענאָסע עהרליך באַדויערט וואָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן שוואַכן אָפּ דעם קלאַסן־באַוואוסטזיין פון די דייטשע ארבעטער. דער פוילישער בונד שוואַכט ניט אָפּ, נאָר ער פאַר־

שטאַרקט דעם ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ן „קלאַסן־באַוואוסט־זיין" פון דער אידישער יוגנט אין פוילן.

8) אַ פּאָר פונקטן בקיצור. וואָס אַנבאַטרעפט גענאָסע הילקוויט האָט ער קיין רעזאָלוציע וועגן אַ גענעראַל־סטרייק אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס קיינמאָל ניט אריינגעבראַכט. אַזאַ רעזאָלוציע האָט אריינגעבראַכט וואיאַן פון פראַנקרייך און קיר האַרדי פון ענגלאַנד אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין שטוטגאַרט אין יאָר 1907, און די רעזאָלוציע איז אויך ניט אָנגענומען געוואָרן.

צו ברענגען די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלס אַ ביישפּיל וועגן אַזאַ פּאַרטיי ווי די דייטשע, האָט אבסאָלוט קיין זין ניט, און צו פּרואוון די פּילסודסקי־דיקטאַטור פאַרגלייכן מיט דער היטלער־סיטואַציע, האָט פונקט אַזוי ווייניג זין.

צום שלום וויל איך זאָגן דאָס פאָלגענדע: דער, וואָס שרייבט דיזע שורות, האָט פאַר דעם אידישן בונד געאַרבעט מיט'ן גאַנצן הארצן. אין יענע יאָרן, ווען דער בונד האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט, האָבן מיר דאָ פאַר אים געווירקט מיט אַלע קרעפטן. דער שרייבער פון דיזע צייל̈ן האָט אויף הונדערטער מיטינגען געהאַלטן רעדעס פאַרן בונד, געהאָלפן זאַמלען שטיצע פאַר אים, געשריבן פילע אַרטיקלען פאַר אים. מיר האָבן דאָ גע־אַרבעט צוזאַמען מיט גענאָסע ליבער און מיט גענאָסע אַבראַמאָ־וויטש, און די אַנדערע פירער, וועלכע דער בונד פלעגט שיקן צו אונז אין אַמעריקע נאָך שטיצע. מיר האָבן איצט דעם זעלבן שטאַנדפּונקט וועגן דעם בונד אין אַלגעמיין, ווי די גענאָסן אַב־ראַמאָוויטש, יודין, פּראַנץ און הערש. איך רעד ניט ווי אַ פרעמ־דער, נאָר ווי אַן אמת'ער פריינד. דער פּוילישער בונד האָט ווירקלאַך געקענט שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין אידישן לעבן אין פּוילן, ווען ער וואָלט זיך נאָר באַפרייען פון זיין פאַנאַטיזם. ער דאַרף נעמען קוקן אַף דער וועלט ברייטער. ער דאַרף זיך פאַר־האַלטן צו דער גרויסער אידישער טראַגעדיע אין פּוילן מיט אַ ברייטערן באַגריף, מיט אַ וואַרעמערן געפיל, מיט מער טאָלעראַנץ.

אזוי האַנדלען סאָציאַליסטן אין אַלע אַנדערע לענדער — ניט קאָמוניסטן — נאָר סאָציאַליסטן.

דער בונד האָט ערקלערט פאר דער וועלט, אז ער גייט אריין אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאציאָנאַל, אום די גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו לערנען. עס וואָלט פיל בעסער געווען פאר דעם „בונד" און פאר די אידישע ארבעטער אין פּוילן, ווען דער בונד וואָלט אויפהערן צו לערנען אַנדערע, און זיך אָנהויבן צו לערנען אליין בא די גרויסע פּאַרטייען, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אומגעהייערע ערפאַרונגען און האָבן באוויזן גרויסע אויפטואונגען.

עס איז געווען א צייט, ווען זיי זענען אויך געווען פאַנאַטיש. דאָס איז געווען איידער זיי האָבן געהאַט די דאָזיגע ערפאַרונגען און די גרויסע מעגלאַכקייטן מיט די גרויסע פאראנטוואָרטלאַכקייטן, וועלכע זייער ריזיגער וואוקס האָט מיטגעבראַכט.

טענות צום „בונד״ *)

(אַן ענטפּער גענ. אַב. קאַהאַן)

פון ה. ערליך

דער רעדאַקטאָר פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס״, גענ. אַב. קאַהאַן, האָט אָפּגעדרוקט אַ רעצענזיע וועגן דעם לעצטן ביכל „אונזער געדאַנק״. די רעצענזיע איז זייער אַ גרויסע און טעמפּעראַמענטפולע, און ביידע אייגנשאַפטן אירע שטאַמען דערפון, וואָס דער מחבר האָט געוואָלט נישט נאָר מאַכן רעקלאַמע פאַר „אונזער געדאַנק״, נאָר אויסערדעם און טאָקע פריער פאַר אַלץ — אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי זיך „אָפּצורעכענען״ מיט׳ן פוילישן „בונד״.

אויף דער רעצענזיע פון גענ. קאַהאַן האָט געענטפערט מיט אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס״ אונזער חבר אַרטור, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע.דעם דאָזיגן ענטפער האָט גענ. קאַהאַן באַגלייט מיט אַ צווייטן אַרטיקל קעגן „בונד״, נאָך אַ גרעסערן און נאָכמער „טעמפּעראַמענטפולן״. אויב דאָס ערשטע מאָל האָט נאָך אַב. קאַהאַן געהאַלטן פאַר נויטיג נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון די רעדאַקטאָרן פון „אונזער געדאַנק״ און אויסצוהאַלטן זיין קריטיק, ווי ער דריקט זיך אויס — „אין גייסט פון העפלאַכקייט און געגנסנשאַפטלאַכער פריינטלאַכקייט״, האָט ער זיך שוין אין׳ם צווייטן אַרטיקל באַפרייט פון דעם דאָזיגן אומאַנגענעמען חוב...

אַב. קאַהאַן שרייבט: „קריטיקירן דעם איצטיגן פוילישן „בונד״ פלעגן מיר אַלע אויסמיידן״; „אויף קריטיק קעגן דעם

---

*) „נייע פאָלקסצייטונג״, ווארשע, 27, 29, נאָוועמבער, 1931.

פוילישן בונד איז פריער געלעגן א חרם". אָבער—אין ווין „האָט דער בונד שאַרף קריטיקירט אַנדערע סאָציאַליסטישע פאַר־טייען" און דערמיט האָט ער „אַליין געעפנט די טיר" פאַר קריטיק, דערמיט האָט ער אַליין „דעם חרם צעבראָכן". אזוי, אַז — „אויך אַבראַמאָוויטש איז ענדלאך געקומען צום שלום, אַז מ ע ן מ ע ג".

דעם אמת געזאָגט — האָבן מיר גאַרנישט באַמערקט, אַז דער „פאָרווערטס" און זיין רעדאַקטאָר זאָלן ביז איצט אויך האָבן אַזוי שטאַרק אויסגעמיטן צו קריטיקירן דעם פוילישן „בונד", אַז זיי זאָלן אין דעם פּרט געווען זיין אַזוי שטאַרק געבונדן דורך עפּעס א „חרם". אָבער מיר האָבן דאָס קיינמאָל די חברים פון „פאָרווערטס" נישט פאַראיבל גענומען. געג. קאַ־האַן דאַרף לחלוטין נישט האָבן דעם היתר פון ח' אַבראַמאָ־וויטש — ער קאָן אים באַקומען דירעקט פון אונז. און אויב דער היתר, וועגן וועלכן אַב. קאַהאַן רעדט, באַדייט, אַז פון היינט אָן און ווייטער האָט ער בדעה נישט נאָר צו קריטיקירן דעם פוילישן „בונד" און זיינע פירער, נאָר אַז זיין קריטיק שטייט האַרט ביי דער גרענעץ פון — העצע, דאַן וועלן מיר זיך אפשר וואונדערן, אויב אַנדערע אַמעריקאַנער געגנאָסן און פריינט וועלן דאָס ד ו ל ד ן, אָבער צו אַב. קאַהאַנ'ען פערזענלאך וועלן מיר אויך דאַן קיין טענות נישט האָבן. ער האָט דאָס רעכט צו פירן קעגן אונז דעם שאַרפסטן קאַמף. איין זאַך וועלן מיר אָבער קיינמאָל נישט אויפהערן צו פאַרלאַנגען אפילו פון אַזאַ „פריינטלאַכן" קריטיקער ווי געג. אַב. קאַהאַן איז. נעמלאך — ער זאָל זיין געניי אינפאָרמירט וועגן די זאַכן, וועגן וועלכע ער שרייבט, וועלכע ער באַקעמפט, און ווען ער פאַררופט זיך אויף אונזערע אַרטיקלען און אַנדערע אַרויסטרעטונגען, זאָל ער זיי ציטירן פּינקטלאַך געניי. מעגלאַך, אַז אַ מענש, וואָס רעדאַגירט אַזאַ גרויסע ציימונג, ווי דער „פאָרווערטס" איז, האָט נישט קיין צייט אַליין צו לייענען ציימונגען און ביכער און ער מוז האָבן „פערזענלאַכע סעקרעטאַרן", וואָס אינפאָרמירן אים וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אָבער דאַן זאָל זיך

אַב. קאַהאַן צוקלייבן אַזעלכע סעקרעטאַרן, וואָס פאַרדרייען נישט צוליב פערזענלאכער אָדער פאַרטייאישער שנאה קיין פאַקטן און גיבן פינקטלאך איבער ציטאַטן.

און נאָך אַ באַמערקונג, איידער כ׳גיי איבער צו ענטפערן דעם געג. קאַהאַן. איך האָב נישט בדעה אין אונזער היינטיגן אַרטיקל צו פּאָלעמיזירן מיט „אונזער גערדאַנק״: איך קען גאַנץ גענוי דעם אַדרעס פון די חברים אַבראַמאָוויטש און הערש-ליב-מאַן, און עס וואָלט געווען קאָמיש, ווען איך זאָל זיך גיין אַדורכ-שמועסן מיט זיי דורך דער פאַרמיטלונג פון ניו יאָרקער „פאָר-ווערטס״. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן בלויז אויף די אַרגומענטן, וועלכע געג. קאַהאַן רוקט א ל י י ן ארויס קעגן אונז.

***

געג. אַב. קאַהאַן האָט צו אונז טענות אָן אַ שיעור. ענט-פערן אויף זיי אַלע אין די ראַמען פון אַ צייטונגס-אַרטיקל איז אַן אוממעגלאכע זאַך. דעריבער וועל איך זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דריי, די וויכטיגסטע: 1) אונזער האַלטונג אין ווין; 2) אונזער . . . „באָלשעוויזם״ און 3) אונזער שטעלונג צו אי-דישע פראַגן.

1. אונזער האַלטונג אין ווין.

אַב. קאַהאַן האָט צו אונז אַ הארבע טענה, פאַרוואָס מיר האָבן זיך דערלויבט צו קריטיקירן גרויסע סאָציאַליסטישע פאַר-טייען. דערביי האָבן מיר זיך געזאָלט האָבן באַנוגנט בלויז מיט אָנווייזן, „וואָס די סאָצ. פאַרטייען דאַרפן נישט טאָן, אָבער וואָס מען דאַרף יאָ טאָן און טאַקע איצט״, דאָס האָבן מיר נישט געזאָגט, דאָ זיינען מיר — „אָפּגעקומען בלויז מיט רייד וועגן רעוואָלוציע״. אָבער — דערקלערט אַב. קאַהאַן — „די נויט-ווענדיגקייטן פון טעגלאכן לעבן, די דרינגענדיגע פליכטן און פאַראַנטוואָרטלאכקייטן פון די גרויסע סאָצ. פאַרטייען פאָדערן אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון טאַטן. און אַזאַ פּראָגראַם האָט דער פוילישער בונד נישט״.

אָן אַ שיעור מאָל שטעכט אונז געג. קאהאַן אין זיינע אַר־טיקלען מיט דער שטימען־פאַרהעלטניש אויף דעם ווינער קאָנ־גרעס : 316 קעגן 5. ער וויל דערמיט באַווייזן, ווי קליין, ווי אָנמעכטיג די אָפּאָזיציע איז געווען. געווים איז עס דער חוב פון יעדער מינדערהייט, ווי קליין זי זאָל נישט זיין, צו האָבן נישט נאָר אַ נעגאַטיווע, נאָר אויך אַ פּאָזיטיווע פּראָגראַם, און מיר זיינען ווייט דערפון, צו וועלן אָראָפּוואַרפן פון זיך די דאָ־זיגע פליכט. אָבער צי איז עס נישט געווען פריער פון אַלץ דער חוב פון דער „געוואַלטיגער מערהייט" פון די 316 צו קומען צום קאָנגרעס מיט אַ גרויסער פּאָזיטיווער פּראָגראַם פון סאָציאַליס־טישער טעטיגקייט פאַר'ן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס? און אפשר וועט געגאָסע קאהאַן אזוי גוט זיין און מיר אָנווייזן, אין וואָס ס'איז בשטאַנען די פּאָזיטיווע פּראָגראַם פון די 316, פון אָט די פּאַרטייען, וואָס פּאַרמאָגן אַזאַ מאַיאָנטעק מיט פּאַראַנטוואָרטלאַכקייט־געפיל?

מיר מוזן פעסטשטעלן מיט באַדויערן: די 316 האָבן אַזאַ פּראָגראַם צום ווינער קאָנגרעס נישט מיטגעבראַכט; אַז קיין שום אָנווייזונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט פון אינ־טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט האָט דער קאָנגרעס נישט געגעבן; און אַז דאָס איינציגע „פּראַקטישע", וואָס דער קאָנגרעס האָט אין זיין רעזאָלוציע יאָ באַשלאָסן (אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנ־ציעלע הילף פאַר דייטשלאַנד), האָט זיך באַלד צומאַרגנס נאָכ'ן קאָנגרעס אַרויסגעוויזן פאַר גאָרניט פּראַקטיש, און דאָס לעבן איז איבער דער רעזאָלוציע פון די 316 אַריבערגעגאַנגען צום טאָג־אָרדנונג. אויב געג. קאהאַן וואָלט זיך גענומען די מי גרינטלאַך צו באַקענען זיך מיט דער רעזאָלוציע פון דער מער־הייט און מיט דער רעזאָלוציע פון דער מינדערהייט פון קאָנ־גרעס, וואָלט ער, פאַרשטייט זיך, אויך ווייטער געבליבן אַן אַנטשיידענער קעגנער פון דער מינדערהייט, אָבער איין זאַך וואָלט אפילו ער געמוזט אנערקענען—אַז א ו נ ז ע ר ע פּאַר־שלאָגן זיינען יעדענפאַלס ניט געווען ווייניגער פּאָזיטיוו, איידער די פּאָרשלאָגן פון דער מערהייט.

אָבער די מעשה מיט דער „פּאָזיטיווער פּראָגראַם" האָט פּאַקטיש אַ גאָר קנאַפּע שייכות צום ענין. צי איז גענ. קאַהאַן מסכים מיט דער מינדערהייט פון קאָנגרעס אין דעם, וואָס די סאָצ. פּאַרטייען דאַרפן נ י ש ט טאָן? אויב ער וואָלט דערמיט געקאָנט מסכים זיין, דאַן וואָלטן מיר מיט אים לייכט געקאָנט אַדורכקומען אויך וועגן דעם, וואָס די סאָצ. פּאַרטייען דאַרפן יאָ טאָן. אָבער אַזוי ווי ער איז נישט מסכים, טאָ וואָס טויגן דאָ די רייד וועגן דער „פּאָזיטיווער פּראָגראַם"?

אין זיין ענטפער דעם ח' ארטור וואַרפט טאַקע אב. קאַהאַן אויף מיר פערזענלאַך פּעך און שוועבל, פאַרוואָס איך האָב געוואַגט אין ווין און פאַרוואָס איך וואַג עס אין דער „פאָלקס-צייטונג" צו קריטיקירן די טאָלערירונגס-פּאָליטיק פון די דייטשע ס. ד. אַב. קאַהאַן ווידמעט זייער פיל אָרט אין זיין אַרטיקל, כדי צו באַווייזן, אַז ראַטעווען די דייטשע רעפּובליק, ראַטעווען דעם אַרבעטער קלאַס און ראַטעווען די אידן, קאָנען די דייטשע ס. ד. אַב. קאַהאַן ווידמעט זייער פיל אָרט אין זיין אַרטיקל, אַזוי ווי איך האָב אין ווין רעקאָמענדירט די דייטשע ס. ד. צו שטימען געגן ברינינג'ן; און אַזוי ווי געגן ברינינג'ן שטימען אויך די קאָמוניסטן, איז „קלאָר ווי דער טאָג", אַז . . . איך בין אַ באָלשעוויק און דער „בונד" אין פּוילן איז באָלשעוויסטיש, און ער, אַב. קאַהאַן, איז גערעכט, וואָס ער פירט געגן אונז אַזאַ קאַמף.

און כדי זיין נצחון איבער מיר זאָל זיין אַ פולקאָמענער, פאַררופט זיך נאָך אַב. קאַהאַן אויף מיינעם אַן אַרטיקל און גיט בזה הלשון איבער זיין אינהאַלט:

„דער עיקר (פון מיין אַרטיקל — ה. ע.) באַשטייט אין פאָלגענדעס. ערשטנס ווייס מען נישט אויף געוויס אַז ווען די ברינינג-רעגירונג זאָל פאַלן, וואָלט היטלער באַקומען די מאַכט. צווייטנס, וואָלט די ס. ד. נישט אָפּגעשוואַכט דעם קלאַסן-באַוואוסט-זיין פון דייטשן פּראָלעטאַריאַט, וואָלט די היטלער-באַוועגונג זיך נישט אַזוי פאַרשפּרייט".

„איר לייענט גענ. ערליך'ס „אַרגומענטן" און איר קוועטשט מיט די פּלייצעס", גיט צו גענ. קאַהאַן...

איך וואָלט געוועזן זייער דאַנקבאַר דעם גענ. קאַהאַן, אויב ער וואָלט אין דער צוקונפט, פּאָלעמיזירנדיג מיט מיינעם אַן אַרטיקל, געוועזן אַזוי גוט און געבראַכט פון אים אויסצוגן און נישט איבערגעגעבן דעם אינהאַלט מיט אייגענע (אָדער מיט פּרעמדע) ווערטער. דאַן—האָף איך—וואָלט אי גענ. קאַהאַן אַליין, אי די לעזער פון „פאָרווערטס" פאַרשפּאָרט צו „קוועטשן מיט די פּלייצעס". ווייל נישט איך און נישט ווער נישט איז פון מיינע חברים האָט זיך קיינמאָל ניט באַנוצט מיט אַזא לעכערלאַכן אַרגומענט, ווי — „ערשטנס ווייס מען נישט אויף געוויס א. א. וו.".

און וואָס איז שייך דער ברינינג-רעגירונג אַליין, וועלכע גענ. קאַהאַן פּאַרטיידיגט מיט אַזוי פיל לײדנשאַפט, און דער טאַקטיק, וועלכע עס פירט אַנטקעגן איר די דייטשע ס. ד., וויל איך ענטפערן דעם גאָנ. קאַהאַן אַזוי ווי ער פאָרלאַנגט — קורץ, פּראַקטיש און אָן „טעאָרעטישע פּלפּולים". אויב מען וויל משפּט'ן וועגן אַ טאַקטיק פּ ר אַ ק ט י ש, דאַן מוז מען זי משפּט'ן לויט אירע רעזולטאַטן. און אָט זיינען די דריי וויכטיג־סטע פּ אָ ל י ט י ש ע רעזולטאַטן פון דער טאָלערירונגס־פּאָליטיק.

ע ר ש ט נ ס: אין משך פון גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען ביי אַלע וואַלן אין דייטשלאַנד געוואַלדיג, איבעראַשנדיג געוואַקסן די פאַשיסטישע שטימען, זיינען באַדייטנדיג געוואַקסן די קאָמונסיטישע שטימען, און ס'זיינען ממשות'דיג געפאַלן די שטימען פון דער ס. ד.

צ ו ו י י ט נ ס: דאָס קאַטוילישע צענטרום, די איינציגע ערנסטע בירגערלאַכע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך ביז איצט אַנטקעגנגעשטעלט די פאַשיסטן, פירט איצט מיט היט־לער'ן כמעט ווי אָפיציעלע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ געמיינ־זאַמער רעגירונג, און ס'איז זייער וואַרשיינלאַך, אַז היטלער וועט אינגיכן קומען אין דייטשלאַנד צו דער מאַכט.

ד ר י ט נ ס: מיט אַ 7—10טעג צוריק איז דער בערלינער „פאָרווערטס" אַרויסגעטראָטן מיט אַן אָפענער אָפּערטע צו די

דייטשע קאָמוניסטן צו שליסן אַן אײנהײטלאַכן פראָנט צום שוץ פון דער באַדראָטער רעפובליק און פון באַדראָטן דייטשן אַר־בעטער־קלאַס.

נישט כמורנער, נישט ערליך און נישט אַלטער, נאָר רודאָלף ברייטשייד און פרידריך שטאַמפּפער רעדן וועגן אַן אײנהייט־לאַכן פראָנט מיט די קאָמוניסטן. לויט דער טערמינאָלאָגיע פון געג. קאַהאַן הייסט דאָס דאָך, אַז זיי זיינען געוואָרן „גאַנצע" אָדער „דריי־פערטלדיגע" באָלשעוויקעס! צי איז דאָס נישט עק וועלט? און צי זאָגט דאָס אַלץ עדות דערויף, אַז די טאָלע־רירונג־פּאָליטיק פון דער דייטשער ס. ד. איז די געניאַלסטע פון אַלע מעגלאַכע טאַקטיקן?

אָבער אומזיסט וועלן מיר זיך אַמפּערן מיט׳ן געג. קאַהאַן מכח דעם, צי מיר, דער „בונד", האָבן גוט אָדער שלעכט גע־האַנדלט אין ווין. מיר וועלן זיך וועגן דעם נישט צונויפרעדן שוין צוליב דעם אַליין, וואָס מיר און איר, געג. קאַהאַן, האָבן אַ גאַנץ פאַרשיידענע פאַרשטעלונג וועגן דער ראָל און באַדיי־טונג פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל און ממילא אויך — וועגן דער טאַקטיק, וועלכע מען דאַרף אין אים פירן. עס זיינען פאַראַן סאָציאַליסטן — צום גליק איז זייער צאָל זייער קליין — וועלכע האַלטן זייער ווייניג פון׳ם גאַנצן ענין־אינטערנאַציאָנאַל; פאַר וועלכע אינטערנאַציאָנאַלע סאָצ. קאָנגרעסן זיינען — פאַראַדן, אַ געלעגנהייט פאַר לוסט־רייזעס, פאַר אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און אַמאָל פאַר אַ ביסל זעלבסט־רעקלאַמע. פאַראַן סאָציאַ־ליסטן, וועלכע עס פעלט גאָרנישט איין, אַז דער אינטערנאַציאָ־נאַל זאָל קאָנען ערנסט באַאיינפלוסן מיט זיינע באַשלוסן זייערע איינגענע האַנדלונגען, וואָס זיינען אָבער גערן גרייט אויסצונוצן דעם אינטערנאַציאָנאַל אַלס אינסטרומענט פון ז י י ע ר נאַ־ציאָנאַלער פּאָליטיק. אָט די אַלע סאָציאַליסטן האָבן ניט, פאַר־שטייט זיך, דעם מינדסטן גרונט, קומענדיג אויף אַן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָצ. קאָנגרעס, צו פאַרנעמען זיך דאָרט מיט קריטיק פון אַנדערע סאָצ. פּאַרטייען.

פאַראַן אָבער סאָציאַליסטן — און זייער צאָל איז זייער

גרויס, — וועלכע נעמען ערנסט דעם ענין־אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע זעען זײַנע פעלערן און די פעלערן פון באַזונדערע זײַנע פּאַרטייען. אין פּריוואַטע שמועסן זײַנען זיי גרייט צו אָנער־קענען, אַז די קריטיק פון דער אָפּאָזיציע איז אין אַ סך הינזיכטן אַ גערעכטע. אָבער זיי האַלטן, אַז מ'טאָר נישט ארויסטראָגן פאַר דער עפנטלאַכקייט די אינערלאַכע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין אינטערנאַציאָנאַל, ווייל דאָס קאָן אָפּשוואַכן זײַן שטעלונג אין דער וועלט. דעריבער קלאָגן זיי אין קולואַרן פון די קאָנ־גרעסן, אָבער ווען עס קומט צו אָפּשטימונגען, באַמיען זיי זיך צו באַשאַפן דעם איינדרוק פון וואָס גרעסערע איינשטימיגקייט.

און ס'איז פאַראַן ענדלאַך אַ מינדערהייט אין אינטערנאַ־ציאָנאַל, וואָס האַלט די דאָזיגע טאַקטיק פאַר אַ פאַלשע, און צו דער דאָזיגער מינדערהייט געהערן אויך מיר, דער „בונד" אין פּוילן.

פאַר אונז איז דער ענין אינטערנאַציאָנאַל אַ ביטער ערנס־טער. זייט דער אנטשטייאונג פון פּוילישן „בונד" שטייט די דאָזיגע פראַגע אויפ'ן טאָג־אָרדנונג פון אונזער אינערלאַכן לעבן. ארום דער דאָזיגער פראַגע האָבן מיר געפירט צווישן זיך אין משך פון 12 יאָר די ליידנשאַפטלאַכסטע שטרייטן. ביז מיר האָבן זיך אנטשלאָסן, ביז אין אונזער פּאַרטיי־מאַסע איז רייף געוואָרן די איבערצייגונג, אַז מיר קאָנען נישט בלייבן לענגער אויסער די ראַמען פון אינטערנאַציאָנאַל און אַז ביי אַלע זײַנע חסרונות איז דער סאַץ. אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל דער איינ־ציגער, צו וועלכן עס געהער די צוקונפט.

אָבער קוים זײַנען מיר אַריין אין אינטערנאַציאָנאַל, איז נישט כדי זיך צו שושקען דאָרט אין די קולואַרן, נאָר כדי צו פאַרטיידיגן אונזער שטעלונג. פאַר יעדן פון אונז וואָלט געווען ליבער, אַז אין דער שפּיץ פון דער אָפּאָזיציע זאָל זיך אַוועק־שטעלן אַ ג ר ו י ס ע פּאַרטיי, וועלכע מיר וואָלטן געקאָנט אונטערשטיצן. אָבער אין ווין איז נאָך אַזאַ פּאַרטיי נישט גע־ווען. דעריבער האָבן מיר צוזאַמען מיט די ענגלישע אומאָפּ־העננגיגע געמוזט שפּילן די דאָזיגע ראָל.

און זאָל אונז געג. קאהאַן נישט שטעכן די אויגן מיט די ציפערן — 5 און 316: זאָל ער זיך ווענדן צום גענעראַל־סעק־רעטאַר פון דער סאָצ. פּאַרטיי פון אַמעריקע (געג. קאהאַן איז דאָך אַן אַלטער מיטגליד פון דער דאָזיגער פּאַרטיי), וועלכער איז צוזאַמען מיט עטלאַכע אַנדערע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן בעת דעם גאַנצן ווינער קאָנגרעס געשטאַנען אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער אָפּאָזיציע און מיט איר מיטגעאַרבעט. פון דעם דאָ־זיגן גענאָסע וועט אַב. קאהאַן געוואָר ווערן, אַז מיר זיינען געוועזן אין ווין א ס ך מ ע ר ווי פינף, און אַז ס'איז לע־בערלאַך צו וועלן מעסטן דעם כח פון דער אָפּאָזיציע אין אינ־טערנאַציאָנאַל מיט דער שטימען־פאַרהעלטניש: 5 און 316.

ווער איז געווען גערעכט — די 5 צי די 316? וועגן דער דייטשער ס. ד. האָב איך שוין דערמאָנט. אין איר נאָמען האָט גערעדט אין ווין וועלס. עס וואָלט געווען אַן עוולה נישט צו דערמאָנען אַ צווייטן נאָמען, דאָס איז ראַמזיי מאַקדאָנאַלד. איך מאַך נישט קיין פאַרגלייך צווישן וועלס'ן און מאַקדאָנאַד'ן. מיט וועלס'ן זיינען מיר נישט מסכים, זיין פּאָליטיק באַקעמפן מיר — וועגן מאַקדאָנאַלד'ן מוז היינט געזאָגט ווערן גאָר עפּעס אַנדערש. אָבער ווער ס'וואָלט אין ווין געוואַגט עפנטלאַך קריי־טיקירן מאַקדאָנאַלד'ן, דער וואָלט זיכער פאַרשריגן געוואָרן פון אַב. קאהאַנען פאַר אַן אומפאַראַנטוואָרטלאַכן מענשן, פאַר אַ האַלבן באָלשעוויק. אין מאַקדאָנאַלד'ס „געפיל פון פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט", אין זיין פאַרשטענדניש פאַר „די נויטווענדיג־קייטן פון דעם טעגלאַכן לעבן", אין דער פּראַקטישקייט פון זיין „פּאָזיטיווער פּראָגראַם" האָט אַב. קאהאַן און אַ סך ווינער דעלע־גאַטן אויך — ביז דאָ נישט לאַנג נישט געצווייפלט. היינט געניסט ער פון'ם כשר פאַרדינטן און אַלגעמיין אָנערקענטן נאָ־מען — פ אַ ר ע ט ע ר.

2. אונזער . . . „באָלשעוויזם".

אונזערע געגנער און פריינט, אויב זיי לייענען זעלטן דעם ניו יאָרקער „פאָרווערטס", וועלן געוויס אַריינפאַלן אין אַ פריי־

לאכער שטימונג, ווען זיי וועלן געוואָר ווערן, אַז די צווייטע טענה, וועלכע עס האָט צו אונז געג. קאַהאַן, און פּאַקטיש — די גרונט־טענה, די טענה פון אַלע טענות — איז, אַז אונזער פּאַרטיי באַשטייט פון . . . האַלבע, דריי־פערטלדיגע און גאַנצע באָלשעוויקעס, אַז — „דער גאַנצער פּוילישער בונד . . . שטייט אַ סך נענטער צום קאָמוניזם, איידער צום סאָציאַליזם".

איך פּערזענלאַך לייען עפּטער דעם „פאָרווערטס", און דער־ריבער האָט מיך די טענה נישט אַזוי שטאַרק איבערראַשט. איך האָב זי שוין נישט איינמאָל געהערט אין די אַרטיקלען פון געג. שוב. אָבער אַפילו איך האָב נישט געקאָנט איינהאַלטן אַ שמייכל, ווען איך האָב געלייענט אין די אַרטיקלען פון געג. קאַהאַן, אַז דער ביכער־פאַרלאַג „קולטור־ליגע" איז אויך געכאַפּט אין דער מעשה, אַז ער איז „פּראָלעט־קולטיש", סאָוועטיש, קאָמוניסטיש, און אַז אין „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור" — „הערשט אַ באָל־שעוויסטישער גייסט"...

געג. קאַהאַן וועט מיר מוחל זיין, אויב איך וועל אָט די אַ ל ג ע מ י י נ ע באַהויפּטונג זיינע לאָזן אָן אַן ענטפער. איך באַצי זיך טאַקע מיט געהעריגן רעספּעקט סיי צו אים, סיי צו זיינע אַרטיקלען, אָבער איך קען נישט פּועל'ן ביי זיך צו שרייבן זאַכן, וועלכע וואָלטן מיך אין מיין אייגענער איבערצייגונג גע־מאַכט פּשוט לעכערלאַך. דער פּאַקט אַליין, וואָס אַב. קאַהאַן האָט געקאָנט מאַכן די אויבנדערמאָנטע באַהויפּטונגען, באַווייזט, אַז צווישן אונז און אים איז פאַראַן אַזאַ ווייטער מהלך אינ'ם אופן פון באַנעמען פּראָבלעמען פון דער פּראָלעטאַרישער פּאָלי־טיק, אַז צונויפרעדן זיך וועגן אַ ל ג ע מ י י נ ע פראַגן וואָלט געווען פאַר אונז פּשוט אוממעגלאַך. איך וועל דעריבער אַפילו נישט פּרואוון איבערצייגן דעם געג. קאַהאַן, אַז מיר, בונדיסטן פון פּוילן, זיינען נישט קיין גאַנצע, נישט קיין דריי־פערטלדיגע און אַפילו נישט קיין האַלבע קאָמוניסטן; איך וועל זיך פאַר־נעמען בלויז מיט די פ אַ ק ט ן, אויף וועלכע עס פאַררופט זיך אַב. קאַהאַן.

פאַרוואָס, למשל, מיינט איר, איז דער פאַרלאַג „קולטור־

ליגע" — קאָמוניסטיש? ווייל — זאָגט גענ. קאַהאַן — ער האָט ארויסגעגעבן — „אַ זאַמלבוך, וואו באָלשעוויקעס רייסן ארונטער טאָלסטאָי'ען, און אַ באָלשעוויסטישע געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור".

צי האָט אב. קאַהאַן די דאָזיגע ביכער געלייענט? ניין. ער האָט זיי צומאָל אין דער האַנט נישט געהאַלטן! פונוואַנען ווייס איך דאָס? ווייל עס וואָלט גענוג געווען, ער זאָל דעם זאַמלבוך וועגן טאָלסטאָי'ען בלויז אַדורכבלעטערן, כדי ער זאָל ווּיסן, אַז ערשטנס — איז דאָס אַ זאַמלונג אַרטיקלען וועגן טאָל־סטאָיען, וואָס זיינען אַלע אָן אויסנאַם געשריבן געוואָרן פ אַ ר ד ע ר מ ל ח מ ה, ווען קיין קאָמוניסטישע באַוועגונג איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און צווייטנס — איז צוגלייך מיט לענינ'ס און טראָצקי'ס אַרטיקלען געפינען זיך דאָרט אויך אַרטיקלען פון ראָזע לוקסעמבורג, פריטשע און פון אַזעלכע „פּראָמינענטע קאָמוניסטן", — ווי פּאַוועל אַקסעלראָד, פּלעכאַ־נאָוו, מאַרטינאָוו. און ווען אב. קאַהאַן וואָלט דאָס צווייטע בוך, וועגן וועלכן ער רעדט, געווען געהאַלטן אין דער האַנט, וואָלט ער געוואוסט, אַז אויך דאָס בוך איז ארויס אין אָריגינאַל מיט אַ 20 יאָר צוריק...

כ'לעבן — גענ. קאַהאַן וואָלט געמעגט פאַרלאַנגען פון זיין מיטאַרבעטער, וואָס אינפאָרמירט אים וועגן פּוילישן „בונד", ער זאָל דאָס טאָן עטוואָס „פּינקטלאַכער" און נישט שטעלן זיין שעף אין אַזעלכע קאָמישע לאַגעס.

אָבער דאָס אַלץ זיינען קליינינקייטן. סוף כל סוף ווייס גענ. קאַהאַן אויסגעצייכנט, אַז מיר זיינען נישט קיין קאָמוניסטן, אַז מיר שטייען מיט'ן פּוילישן קאָמוניזם אין אַ ביטערן קאַמף און אַז מיר זיינען אַנטשיידענע געגנער פון גאַנצן אינטערנאַציאָ־נאַלן קאָמוניזם. ענטפערנדיג דעם ח' אַרטור, שרייבט אב. קאַהאַן:

„ער (אַרטור, הייסט עס — ה. ע.) מישט דאָ צוזאַמען צוויי־ערליי זאַכן: די מעשים פון קאָמוניסטן, וואָס געפינען זיך אויסערהאַלב סאָוועט־רוסלאַנד מיט די טאַטן פון די קאָמוניסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד".

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג אַטאַקירן מיר טאַקע יאָ, איז מודה אַב. קאַהאַן, אָבער די מעשים פון סאָוועט־רוסלאַנד קריטיקירן מיר נישט.

דערויף קאָן איך ענטפערן דעם גענ. קאַהאַן, אַז נישט ח׳ אַרטור, נאָר ער, אַב. קאַהאַן, מישט דאָ צוזאַמען צוויי־ערליי זאַכן — די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג און סאָוועט־רוסלאַנד: פ אַ ר א י ם איז דאָס איינס און דאָס־זעלביקע, פ אַ ר א ו נ ז — נישט.

ס׳איז נישט אמת, אַז מיר קריטיקירן נישט די טעראָר־פּאָליטיק פון דער ראַטן־רעגירונג, אַז מיר באַקעמפן ניט די פע־לערן און פאַרברעכנס פון איר אינערלאַכער און אויסערלאַכער פּאָליטיק, אָבער די גוואַלטיגע אַפּעטיטן, וועלכע עס האָט אויף דעם געביט אַב. קאַהאַן, זיינען מיר נישט אימשטאַנד צו באַ־פרידיגן און מיר האָבן דאָס קיינמאָל פאַר אונזער אויפגאַבע נישט באַטראַכט.

ווי גרויס אַב. קאַהאַנ׳ס אַפּעטיטן זיינען, איז צו זען פון פאָלגענדיגע צוויי דערקלערונגען זיינע.אַב. קאַהאַן האַלט, אַז מיר קריטיקירן די טעראָר־פּאָליטיק אין ראַטן־רוסלאַנד פונקט אַזוי ווייניג, ווי דאָס טוען . . . די קאָמוניסטן. און אַב. קאַהאַן פאַר־רופט זיך אויף אַ קאָנקרעטן פאַל אויך — אויף דעם באַרימטן מענשעוויקעס־פּראָצעס. אונזערע לעזער געדענקען די שטעלונג פון דער „פאָלקסצייטונג" בעת דעם דאָזיגן פּראָצעס. לויט דער מיינונג פון אַב. קאַהאַן, האָט די „פאָלקסצייטונג" קריטיקירט דאָן די אינסצעניזאַטאָרן פון דעם דאָזיגן פּראָצעס . . . „אויף אַ גאַנץ מילדן שטייגער און מיט תירוצים".

ניין — א ז ע ל כ ע אַפּעטיטן זיינען מיר נישט אימ־שטאַנד צו באַפרידיגן! אחוץ אַלעם אַנדערן, פאַראַן נאָך איין אונטערשייד: דער „בונד" אין פוילן איז ק י י נ מ אָ ל נישט געווען אַזוי הונדערט און צוואַנציג פּראָצענטיג פּראָ־באָלשעוויס־טיש, ווי דער „פאָרווערטס" און זיין רעדאַקטאָר זייבען אַמאָל געווען. היינט טוט אַב. קאַהאַן תשובה און, אַזוי ווי יעדער בעל תשובה, רייסט ער פון זיך די הויט. מיר אָבער דאַרפן

ניט תשובה טאָן און דעריבער פאַרשפּאָרען מיר אריינצופאַלן אין וואולגארער סאָוועטן־פּרעסעריי.

מיר קריטיקירן די פאַלשע און שעדלאכע שריט פון דער ראַטן־רעגירונג, אָבער מיר פאַרגעסן נישט, אַז דער ראַטן־פאַר־באַנד איז אַ רעזולטאַט פון דער גרעסטער פון אַלע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען ווען נישט איז פאָרגעקומען אין דער וועלט. מיר קריטיקירן דאָס שלעכטע און שרעקלאכע, וואָס ס׳געשעט אין ראַטן־רוסלאַנד, אָבער מיר טוען דאָס נישט, ווי — פיינט, נאָר ווי מענשן וואָס האָבן דעם וואַרימסטן אינטערעס צו דעם דאָ־זיגן לאַנד פון רעוואָלוציע, און מיר האָבן אָפענע אויגן אויף דעם גרויסן און וויכטיגן, וואָס קומט דאָרט פאָר.

און מיט דער דאָזיגער שטעלונג זיינען מיר אַ סך נענטער צו דער קאָלאָסאַלער מערהייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָצ. באוועגונג, איידער אַב. קאַהאַן מיט ז י י ן שטעלונג. אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס”, דאַרף אַב. קאַהאַן קענען די שטע־לונג פון דער עסטרייכישער ס. ד. אין דער דאָזיגער פראַגע, די שטעלונג פון דער לייבאָר־פאַרטיי, פון דער בעלגישער אַרב.־פאַרטיי, פון דער שווייצער ס. ד., פון די סקאַנדינאַווישע פאַר־טייען, פון זיין אייגענער — אַמעריקאַנער פאַרטיי; אים דאַרפן ענדלאַך זיין באַקאַנט די רעזאָלוציעס פון מאַרסעלער און ברי־סעלער קאָנגרעסן פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבן אָבער ביז איצט נישט געהערט אַב. קאַהאַן זאָל אָנגרייפן באַוער׳ן, וואַנדערוועלד׳ן, פרידריך אַדלער׳ן, הענדערסאָנ׳ען און נאָרמאַן טאָמאַס׳ן, אַלס „באָלשעוויקעס”. זעט אויס אַז דערויף האָט נאָך אַב. קאַהאַן פון אַבראַמאָוויטש׳ן קיין „היתר” נישט באַקומען.

אָבער מיר זיינען נישט אַזוי נאַאיוו צו מיינען, אַז אַבראַ־מאָוויטש׳עס „היתר” האָט טאַקע פאַר אַב. קאַהאַנ׳ען אַזאַ גע־וואַלדיגע, אַזאַ דעצידירנדיגע באַדייטונג. עס איז שוין היינט אַ צייט אַזאַ, אַז — „מען מעג”. און אין אַזאַ צייט ווערן אַ סך מענשן רעדעוודיג, וואָס פריער פלעגן זיי זיך פילן געבונדן דורך אַ „חרם”.

נישט מ י ר זיינען פאַראייניזאַמט אין אינטערנאַציאָנאַל

מיט אונזער שטעלונג צו ראטן־רוסלאנד — פאראיינזאמט זיינען אב. קאהאן און דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס"; זייער שטעלונג אין דער דאָזיגער פראגע דעקט זיך אפשר בלויז מיט דער שטעלונג פונ'ם עקסטרעם־רעכטן פליגל פון די רוסישע ס. ר.'ן, מיט דער שטעלונג פון — א קערענסקי. דער ניו יאָרקער „וואָרלד" איז אין דעם פרט נישט אַן ערך פראָגרעסיווער פאר קאהאנ'ען.

3. אונזער שטעלונג אין דער אידישער פראגע.

אב. קאהאנ'ס לעצטער ארטיקל, זיין ענטפער דעם ח' ארטור, איז א זייער דרייסטער ארטיקל. אָבער אין קיין שום פונקט איז אב. קאהאן אפשר נישט אזוי דרייסט, ווי דאָרט, וואו ער קריטיקירט אונזער האלטונג אין דער אידישער פראגע.

אב. קאהאנ'ס אָנשויאונגען אין דער דאָזיגער הינזיכט זיינען באקאנט. ער איז — א פרינציפיעלער אסימילאטאָר. ער איז — געגן אידיש. ער באקעמפט לייד[נ]שאפטלאך די אידיש־וועלטלאכע שול־באוועגונג אין אמעריקע. א ו נ ז ע ר צוגאנג צו דער נאציאָנאלער פראגע, אונזער ביטערן קאמף פאר די נויטן און באדערפנישן פון די אידישע ארבעטנדיגע מאסן, אונזערע שוועריגקייטן אין דעם דאָזיגן קאמף האט ער קיינמאל נישט פארשטאנען. אונז, בונדיסטן, האט ער אלעמאל באטראכט פאר נאציאָנאליסטן.

און איצט קומט צו אונז אב. קאהאן מיט דער טענה, אז מיר זיינען פאר אים צו ווייניג אידיש. און ער האלט זיך פאר בארעכטיגט אונז פאָרצוואוארפן, אז אז מיט די אינטערעסן פון די אידישע פאָלקס־מאסן אין פוילן רעכענען מיר זיך נישט, אז די טראגעדיע פון די דאָזיגע מאסן עקזיסטירט פאר אונז נישט. און מיר פערזענלאך לעגט ער ארויין אין מויל א ווילדע פראזע — אז „דער אידישער ארבעטער דארף זיך איבערהויפט נישט אינטערעסירן מיט אידישע פראגן".

וואו און ווען, געג. קאהאן, האב איך געזאָגט אזעלכע ווערטער ?!

אב. קאהאן איז א פרינציפיעלער אסימילאטאָר. טאקע דערפאר און אין הסכם מיט זיין אלגעמיינער וועלט־אָנשויאונג

האָט ער אַזוי לײכט איבערגענומען די ציוניסטישע, כלל־ישראל׳־דיגע און אַפילו אידישלאַך־קלעריקאַלע פּראָזאָלאָגיע. און ער טרעט אַרויס געגן אונז מיט אַ שפּראַך, וועלכע מיר זײנען ביז איצט געוואוינט געווען צו הערן בלויז פון די שפּאַלטן פון דער ציוניסטישער און אָרטאָדאָקסישער פּרעסע. ער חזר׳ט איבער די אויסגעדראָשענע פראַזן וועגן דעם „פאַנאַטיזם" (פאַרשטייט זיך — באָלשעוויסטישן פון „בונד", וואָס אינטערעסירט זיך בלויז מיט דער אידישער אַרבעטערשאַפט; צוזאַמען מיט אי־טשעלע *) פון „הײנט" און מיט׳ן אַגודה׳ניק משולם קאַמינער ** דערקלערט ער, אַז — „דער בונד אין פּוילן רעכנט זיך נישט מיט די אינטערעסן פון די אידן בכלל", באַשר — „זײ (די בונ־דיסטן—ה. ע.) האָבען זײער קלײט (סטאָר) געהאַלטן יום־כּיפּור אָפן". און צוזאַמען מיט איטשעלען, יאַצקאַנען און משולם קאַ־מינער דערקלערט ער, אַז אונזערע שולן, אַז די אידיש־וועלט־לאַכע שולן פון ציש"אָ—„זײנען אָנגעזאַפּט מיט אַ גײסט, וואָס צאַמט די אידישע אַרבעטער אָפּ פון אַלע אַנדערע אידן"...

און מיר ווענדן זיך מיט אַ פראַגע — שוין נישט צו קאַ־האַנ׳ען, נאָר צו אַלע געגאָסן און פרײנט אין אַמעריקע:

איר זײט שטאָלץ דערמיט, וואָס אײער באַוועגונג האָט באַ־שאַפן אײנע פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע צײטונגען פון דער וועלט — צי איז די דאָזיגע צײטונג טאַקע נישט מער, ווי אַ פּריוואַטער פאָלוואַרק (קלײנער פאַרם) פון אײן מענשן?

***

און צום סוף, כּדי נישט צו בלײבן שולדיג אַב. קאַהאַנען קײן ענטפער אויף קײן אײנער פון זײנע ממשות׳דיגע טענות, וויל איך זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אײן פראַגע. אַב. קאַהאַן מאַכט דעם „בונד" אין פּוילן פאַראַנטוואָרטלאַך דערפאַר, וואָס — „אַזאַ גרויסער פּראָצענט פון די יונגע פּוילישע בונדיסטן, וואָס

---

*) אַ ציוניסטישער בטלנישער שרײבער.

**) אַ טוער בײ די חסידים אין פּוילן.

זיינען אין די לעצטע יאָרן געקומען קיין אַמעריקע, זיינען דאָ צוגעשטאַנען צו די קאָמוניסטן".

די דאָזיגע פראַגע איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו באַרירן, בעת איך בין געווען אין אַמעריקע. און אַב. קאַהאַן מעג מיר גלויבן, אַז איך האָב געפונען אין אַמעריקע נישט אַן ערך מער אידישע סאָציאַליסטן, איידער ער שטעלט זיך דאָס פאָר, וואָס זיינען געווען מסכים מיט דעם ענטפער, וועלכן איך האָב אויף דער פראַגע געגעבן.

איך מוז קודם כל פעסטשטעלן, אַז מיר זיינען נישט באַקאַנט קיין מער אָדער ווייניקער אָנגעזעענע אַקטיווע טוער פון אונזער באַוועגונג, וואָס וואָלטן, קומענדיג נאָך דער מלחמה קיין אַמעריקאַ, אַוועק צו די קאָמוניסטן. אָבער אמת איז, אַז אַ באַדייטנדיגער טייל פון די יונגע נאָך־מלחמה׳דיגע אידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך דאָ אין פוילן געפונען אונטער אונזער אידייאישן איינפלוס, זיינען אין אַמעריקע צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דער גרעסטער טייל פון זיי איז ביי די קאָמוניסטן ניט פאַרבליבן, אָבער צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג זיינען זיי אויך נישט צוגעשטאַנען, זיי זיינען געבליבן אין אַ זייט.

שולדיג אין דער דאָזיגער דערשיינונג איז אָבער נישט דער „בונד" אין פוילן, שולדיג איז — דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס", אַזוי ווי אַב. קאַהאַן האָט אים באַשאַפן. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע איז שוואַך, און דער „פאָרווערטס" איז שטאַרק; ער פאַרשטעלט מיט זיך די באַוועגונג, ער ווערט באַטראַכט פאַר איר פאָן. עס וואָלט געווען אַ לייכטע און דאַנקבאַרע אויפגאַבע צו כאַראַקטעריזירן די אייגנשאַפטן פון „פאָרווערטס", וואָס שטויסן אָפּ פון אים די יונגע בונדיסטן, ווען זיי קומען קיין אַמעריקע. און ווען איך וואָלט טאַקע געהאַלטן, אַז דער „פאָרווערטס" איז און קאָן זיין דאָס פריוואַט־אייגנטום פון איין מענשן, דאַן וואָלט איך זיך נישט אָפּגעזאָגט דעם פאַרגעניגן אַזאַ כאַראַקטעריסטיק צו געבן. אָבער איך האַלט, אַז אַזוי קאָן ניט זיין. איך ווייס, אַז פאַר זייער פיל פון

אונזערע פריינט אין אַמעריקע וואָלט געווען שמערצלאַך צו לייענען אַזאַ כאַראַקטעריסטיק, טאַקע דערפאַר ווייל זיי וואָלטן מיט איר געווען מסכים. און דעריבער וועל איך זאָגען בלויז איינס.

יעדער פון אונז, ווען ער קומט קיין אַמעריקע, נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי צו איבערצייגן אונזערע געוועזענע חברים און אַלע אידישע אַרבעטער, מיט וועלכע מיר קומען אין באַרירונג, אַז מען טאָר נישט שטיין אין אַ זייט, אַז זיי מוזן אריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — אין סאָצ. פאַרבאַנד, אין דער סאָצ. פּאַרטיי, אין אַרבעטער רינג — און העלפן פאַנאַנדערבויען די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס. אָבער מיר האַלטן עס פאַר אונזער פ א ר ד י נ ס ט און ניט פאַר אונזער ש ו ל ד, וואָס אונזערע געוועזענע חברים זיינען נישט אימשטאַנד צו באַטראַכטן פאַר אמת'ן סאָציאַליזם און פאַר סאָציאַליסטישער אידישקייט דעם סאָציאַליזם און די אידישקייט פון „פאָרווערטס".

דער יובילײ צוזאַמענפאָר פון אידישן סאָציאַ־ליסטישן פאַרבאַנד אין אמעריקע *)

פון ז. אַרטור

איר ווייסט שוין וועגן דעם צען־יעריגן יובילײ־צוזאַמענפאָר פון אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד, וועלכער איז פאָרגעקומען סוף נאָוועמבער אין ניו יאָרק. דאָס איז געווען אַ צוזאַמענפאָר אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט צען יאָר שווערער אינער־לאַכער געראַנגל. שווערער דערפאַר נאָך, וואָס קעמפן פאַרן רעכט אויף אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט מען געמוזט (און מען מוז נאָך איצט) דוקא אין די רייען פון דער ארבעטער־באַוועגונג גופא, און אַזעלכע רייען, וועלכע באַטראַכטן זיך אַליין אויך פאַר סאָציאַליסטישע און פון וועלכע דער „פאַרבאַנד" אַליין איז ארויס־געוואַקסן. אַזאַ קאַמף איז צומאָל טראַגיש, ווייל ער איז אַן אינער־ווייניגסטער, אַ צוגעשטיקטער; מען קאָן נישט רעדן מיט דער פולער שפּראַך. ס'איז א ווייטאָג אין הארצן און אַ שאַנד פאַר לייטן. עס האָט גענומען יאָרן ביז דער קאַמף האָט ארויסגע־פּלאַצט אָפן. איצט ווערט ער שוין באַהאַנדלט פון דער גאַנצער קעגנערישער פּרעסע, ס'איז איר „שמחה". די קעגנער פון סאָ־ציאַליזם האָפן אָפּצובראָטן זייער געקעכץ ביי אָט דעם פייער...

ארויסגעפּלאַצט האָט דער קאַמף טאַקע אַף דעם לעצטן פאַר־באַנד־צוזאַמענפאָר.

נאָר לאָמיר דערציילן כסדר:

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אין אַמעריקע

---

*) „נייע פאָלקסצייטונג", 15טן יאַנואר, 1932.

איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט האָט איבערגעלעבט דעם טראַגישסטן נסיון — אין יאָר 1921, ווען ס'איז געשפּאָלטן געוואָרן כמעט די גאַנצע ארבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון העפטיקסטע קאַמפן צווישן קאָמוניזם און סאָציאַליזם. געווען איז פריער „די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע", וועלכע איז אין איר גרויסער מערהייט געוואָרן דאַן שטאַרק באָלשעוויסטיש געשטימט. הונדערט פּראָצענטיגער באָלשעוויזם איז דאַן, אגב, געפּריידיגט געוואָרן אויך דורכן „פאָרווערטס". אָבער אין דער „פעדעראַציע" — האָט דערציילט באַ דער עפענונג פון צוזאַמענפאָר ח' כאַנין — איז געווען א קליינע גרופּע, וועלכע איז געבליבן טריי די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. עס איז אָנגעגאַנגען אַן אינערלאַכער קאַמף, ביז עס איז אין 1921 געקומען צו אַ שפּאַלטונג און צו א פאַרניכטונג פון דער „פעדעראַציע". די גרויסע מערהייט דעלעגאַטן איז דאַן אוועק פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס איז געבליבן א קליין הייפל פון דריי און דרייסיג מאַן, וועלכע האָבן באַשלאָסן ווייטער צו פירן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זיי האָבן געגרינדעט דעם אידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

עס איז געווען א ביטערער קאַמף. א קאַמף פון א הייפל קעגן אַלעמען, אָבער דער „פאַרבאַנד" האָט זיך באַרעכטיגט. ער איז געוואָרן די איינציגע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין אמעריקע. די הויפּט־פירער פון דער „פעדעראַציע", וועלכע זענען אוועק מיט די „יונגע", זענען שוין לאַנג צוריקגעקומען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (צביון, ראָגאָף, א. א.); אנדערע, וועלכע האָבן שפּעטער אפילו געשפּילט די ערשטע פידל אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זענען צום „פאַרבאַנד" נישט צוריקגעקומען, אָבער פון קאָמוניזם זענען זיי שוין לאַנג אוועק (סאַלוצקי א. א.)

דער „פאַרבאַנד" האָט היינט 41 אָפּטיילונגען, מיט 1500 מיטגלידער אין לאַנד. זיין צוויי־וועכנטלאַכער אָרגאַן „דער וועקער" האָט 4000 אַבאָנענטן. פאַר אונז, מיט אונזערע אייראָ־

פּיאישע באַגריפן פון א באַוועגונג, קוקן די ציפערן אויס לעכער־לאַך קליין, און — זיי זענען טאַקע פיינלאַך קליין פאר דער ריזיגער אַמעריקע; אָבער דער „פאַרבאַנד" איז אַ טייל, אַן אָנגעשלאָסענע שפּראַך־פעדעראַציע אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע, און די מיטגלידער פון „פאַרבאַנד" מאַכן אויס אַ קנאַפּ פערטל פון דער גאַנצער צאָל מיטגלידער, וואָס די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, צוזאַמען מיט אַלע אירע שפּראַכן־פעדעראַציעס, פאַרמאָגט. די גאַנצע ארבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע איז פיינלאַך קליין און שוואַך. אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטיי קאָן זיך נישט באַרימען מיט אַ גרעסערער מיטגלידערשאַפט. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, איז שוין אין „פאָלקסצייטונג" נישט איינמאָל געשריבן געוואָרן, און עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן אין די ווייטערדיגע בריוו.

עס מוז אָבער שוין געזאָגט ווערן, אַז אַ סך פון די מאָטיוון, וואָס ווערן אָנגעגעבן פאַרן נישטיקן כח פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, זענען, דאַכט זיך, בנוגע די אידישע ארבעטער נית גילטיג. דער „פאַרבאַנד" האָט געקאָנט און געדאַרפט זיין פיל שטאַרקער ווי ער איז. פאַרוואָס איז עס נישט? — אין אַ גרויסער מאָס צוליב דער אינערלאַכער לאַגע, צוליב דעם קאַמף, וואָס ס'האָט געפירט געגן אים, פריער שטיל, און איצט אָפן — דער „פאָרווערטס". דאָס איז נישט אַ קאַמף צווישן ריכטונגען פון איין באַוועגונג. דער „פאָרווערטס" פירט היינט אַ קאַמף אויף צו פ אַ ר נ י כ ט ן דעם „פאַרבאַנד", אַ קאַמף ווי געגן אַ טויט־שונא.

איר וועט פרעגן: ווי איז דאָס מעגלאַך? די אידישע סאָציאַליסטישע צייטונג זאָל באַקעמפן און וועלן פאַרניכטן די איינציגע אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד? וואָלט דאָס מעגלאַך געווען אין אייראָפּאַ?—פרעגט קיין קשיות נישט. ס'איז נישט איירָאָפּאַ, ס'איז אַמעריקע. ביי אונז איז די צייטונג — אַ צייטונג פון דער פּאַרטיי, קאָנטראָלירט דורך דער פּאַרטיי, און זי איז באַשאַפן צו דינען דער באַוועגונג. דאָ איז פאַרקערט: מען וויל די באַוועגונג זאָל דינען דער צייטונג...

דער „פֿאָרווערטס" באַלאַנגט נישט צו דער באַוועגונג. ער איז געגרינדעט געוואָרן ווען קיין פעסטע באַוועגונג איז נאָך נישט געווען. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַ „פֿאָרווערטס-געזעלשאַפט" פון אַ קליינער גרופּע מענטשן. אָט די געזעלשאַפט איז געווען און איז פאַרבליבן ביז היינט צו טאָג דער פאָרמעלער באַלעבאָס פון דער צייטונג, אָבער צוליב פאַרשידענע סיבות און אויך צוליב די פּערזענלאַכע אייגנשאַפטן פונם „פֿאָרווערטס" רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן, איז ער געוואָרן אַזאַ פּאַקטישער באַלעבאָס איבער'ן „פֿאָרווערטס" (טאָן, קאָליר, פּאָליטיק) איז אפילו נישט די קליי־נע גרופּע, נאָר בלויז איין מענטש, דער רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן.

די „פֿאָרווערטס-געזעלשאַפט" באַשטייט פון סאָציאַליסטן. לויט איר סטאַטוט קענען צו איר געהערן נאָר מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. און נישט אַלע מאָל איז די מער־הייט פון דער „פֿאָרווערטס-געזעלשאַפט" מסכים מיט דער פּאָ־ליטיק פון דער רעדאַקציע (לייען: אַב. קאַהאַן). זייער אָפט קומען צוליב דעם פאָר רייבונגען און מיספאַרשטענדנישן צווישן דער „געזעלשאַפט" און דער רעדאַקציע, אָבער דער פאַקטישער באַלעבאָס איז פאָרט אַב. קאַהאַן און דאָס האָט זיך זיינע פּאָלגן.

איז, צום ביישפּיל, אַב. קאַהאַן געווען באָלשעוויסטיש גע־שטימט, איז דער „פֿאָרווערטס" געוואָרן באָלשעוויסטיש, און אַ לעזער אין אייראָפּע האָט דאַן געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז אין אמעריקע איז קיין סאָציאַליסט אפילו אויף אַ רפואה נישטאָ. איז ווידער קאַהאַן געוואָרן באָלשעוויקן-פרעסעריש איז אויך דער „פֿאָרווערטס" געוואָרן אַ באָלשעוויקן-פרעסערישע צייטונג, און איז קאַהאַן געוואָרן ציוניסטיש געשטימט איז דער „פֿאָרווערטס" געוואָרן אַ ציוניסטישע צייטונג, און אַ „גרינעם" אייראָפּייער האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז גאַנץ אמעריקע קלאָגט אויף חורבן בית-המקדש...

אַלזאָ, דער „פֿאָרווערטס" איז נישט קיין אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איז די באַוועגונג מסכים מיט קאַהאַנ'ס בליקן — איז גוט; איז זי נישט מסכים — איז אויס חבר'שאַפט. די באַוועגונג גייט זיך איר וועג, און דער „פֿאָר־

ווערטס״ —זיין וועג. כל־זמן די פּאָליטיק פון „פאַרבאַנד״ איז געווען אין איינקלאַנג מיט קאַהאַנ׳ס בליקן — האָט דער „פאָר־ווערטס״ געשטיצט דעם „פאַרבאַנד״. אָבער היינט האָט קאַהאַן פיינט דעם „פאַרבאַנד״ פאַר זיין אויפפּאַסן דעם סאָציאַליזם נישט אויף זיין, קאַהאַנ׳ס, שטייגער, און פאַר זיין אַנטי־ציוניזם, (און עס שפּילן אַ היבשע ראָל אויך ריין פערזענלאַכע מאָמענטן) איז דעריבער דער „פאָרווערטס היינט געגן „פאַרבאַנד״ און באַ־קעמפּט אים. אזוי ווי פירן דעם קאַמף אָפן אין דער עפענט־לאַכקייט האָט מען פון ביידע זייטן אויסגעמיטן, איז ער געפירט געוואָרן הינטן ארום, און האָט אָפט אָנגענומען קליינלאַכע פאָר־מען, מיט שפּילקעלאַך, רכילותן און פערזענלאַכע שפּיצלאַך.

אזוי האָט זיך אַנגעקליבן אַן אַ שיעור קעגנזייטיגע פאַרבי־טערונג, וועלכע האָט לסוף איצט אַרויסגעפּלאַצט אויפן צוזאַ־מענפאָר.

די אויפקלערונג איז נויטיג געווען, כדי די לעזער פון „פּאָלקס־צייטונג״ זאָלן פארשטיין, ווי ארום איז עס געקומען צו אַ קאַמף צווישן „פאָרווערטס״ און דעם סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. און דער גאַנצער צוזאַמענפאָר איז געגאַנגען אונטער דעם צייכן פון דעם דאָזיגן קאַמף. עס זענען פארגעקומען שטורמישע דע־באַטן, מיט פארביטערונג און גאַל סיי באַם באריכט פון עקזע־קוטיווע, וועלכן ס׳האָט אָפּגעגעבן דער הויפּט־סעקרעטאַר ח׳ כאַנין, סיי באַם באריכט פון „וועקער״, וועלכן עס האָט אָפּגע־געבן ח׳ ליטוואַק, און סיי ביי דער פראַגע פון ציוניזם, דערנאָך באַ דער פראַגע וועגן דער פּאָליטיק פון די טרייד יוניאָנס — באַ אַלע פראַגן פון טאָג אָרדנונג.

וואָס איז געווען די אידעאָלאָגישע באַפאַרבונג פונם קאַמף, וואָס זענען געווען די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות?

איין צד האָט געפאָדערט עפּעס אַ צעשוואָומענעם „ברייטן״ סאָציאַליזם, וואָס זאָל פארבינדן זיינע האָפנונגען מיט די פּאַ־טעטישע ליבעראַלע דרשות פון ראַבאַים, גלחים און פאַבריקאַנטן. זעט, האָט מען פון דעם צד גע׳טענה׳ט, נישט נאָר ארבעטער

קאָנען זיין פיינע מענטשן; א סברה, אז אין אמעריקע וועט דער סאָציאַליזם געבראַכט ווערן נישט דורכן ארבעטער־קלאַס, נאָר דוקא דורך בירגערלאַכע פיינע מענטשן. אלע רייד וועגן אויס־געשפּראָכענער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, וועגן קלאַסן־קאַמף, באַטראַכט דער צד פאר נאאיוו, „גרינהאָרניש". עמיגראַנטיש, וואָס איז גאָרנישט צוגעפּאַסט פאר אמעריקע. רעדן אזעלכע רייד הייסט שטיין „מיטן רוקן צו אמעריקע".

און דער אַנדערער צד — די גרויסע מערהייט פון פאַרבאַנד וויל ניט אַרויסשלעפּן אויף זיך אָט דעם משונה'דיגען בגד פון א סאָציאַליזם, אין וועלכן עס געפינט זיך אלץ, א חוץ סאָציאַליזם.

אין נומער „וועקער" נאָכן צוזאַמענפאָר שרייבט ליטוואַק אין אַן אַרטיקל:

„מ'האָט אונז פאָרגעוואָרפן, אַז מיר זענען גרינע, באַמערקן נישט די סאָציאַליסטישע שטימונגען און געדאַנקען, וועלכע פאַרשפּרייטן זיך אלץ מערער אין דער ליבעראַלער געזעלשאַפט, אפילו צווישן די קעפּ און פירער פון דער גרויס־אינדוסטרי; אַז מיר גייען גלייכגילטיג פאַרביי די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען, וואָס ווערן לעצטנס אָפט ארויסגעשטעלט פון רבנים, ראַבאַים און גלחים".

אויף דעם ענטפערט ליטוואַק:

„אויב זיי זענען סאָציאַליסטן, זענען מיר קיין סאָציאַליסטן נישט, און אויב מיר זענען סאָציאַליסטן, זענען זיי קיין סאָציאַליסטן נישט"...

ס'איז באמת געווען א קאַמף פאַר די עלעמענטאַרסטע גרונט־פּרינציפּן פון א סאָציאַליסטישער באַוועגונג, א קאַמף וועלכן ס'איז זיך אין קיין שום סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אייראָפּע גאָר נישט מעגלאַך פאָרצושטעלן".

באזונדער שטורמיש איז געווען דער קאַמף ארום דער פראַ־

גע „פועלי־ציון". די פועלי־ציון האָבען דערלאַנגט אַ ווענדונג צו דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מען זאָל זיי אריינ־נעמען אַלס נאָך אַ אידישע שפּראַך־פעדעראַציע, צוגלייך מיט'ן „פאַרבאַנד". די „קאַהאַניסטען" האָבן געקעמפט דערפאַר, אַז דער „פאַרבאַנד" זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן, און דער עיקר — ער זאָל אין זיין רעזאָלוציע חלילה נישט אָנגרייפן פּרינציפּיעל דעם ציוניזם. און ס'איז געגאַנגען אַ ציוניזם־דעבאַטע. געגן פּרינ־ציפּיעלע ארגומענטן האָט מען אַרויסגערוקט צעשווימענע סענ־טימענטן, רייד וועגן טאָלעראַנץ. דאָס איז ער, אייגענטלאַך, דער „פאָרווערטס"־ציוניזם: נישט אַ פּרינציפּיעלער בליק, נישט אַ גלויבן, אַז ציוניזם איז אַ פאַרענטפערונג פון די עקאָנאָמישע און קולטורעלע נויטן פון אידישן פאָלק, נאָר עפּעס סתם לאָקריצדיגע, ווייבערישע סענטימענטן. דערביי איז מערקווירדיג, אַז מען האָט געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן: ציוניזם און אידישע שול. איינער האָט גע'טענה'ט: „אַ מאָדנע זאַך, איר זענט געגן פּאַלעסטינע און פאַר אידישע שולן". וויבאַלד, הייסט עס, אַלץ איז אַ זאַך נישט פון אינערלאַכער באַציאונג, פון איבערציי‌גונג, נאָר פון „טאָלעראַנץ", טאָ אַז איר זייט טאָלעראַנט צו אידישע שולן, זייט זשע שוין טאָלעראַנט אויך צו פּאַלעסטינע...

מען האָט זיך געצאַמפּערט אויך ארום דער פראַגע פון די טרייד־יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען). אן אָנגעווייטיגטע פראַגע. פאַראַן גרויסע, ריזיגע יוניאָנס, אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט אויף זיי קיין שום איינפלוס נישט. צי זאָל זי אָנהויבן אַ קאַמף פאַר אַן איינפלוס אין זיי? דאָס איז אַ פראַגע, וואָס ווערט איצט דיסקוטירט אין דער גאַנצער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און מען האָט וועגן דעם געשטריטן אויך אויפן צוזאַמענפאָר פון „פאַרבאַנד". דערביי האָבן ביידע צדדים דערציילט פאַקטן פון פּאָליטישע האַנדלונגען פון פאַר־שידענע יוניאָנס, אַז . . . ס'איז גלייכער וועגן זיי ניט דערמאָנען.

איך בין געזעסן די גאַנצע צייט, האָב זיך צוגעהערט צו די דעבאַטן און — כ'האָב אין די טענות פון די קאַהאַניסטען זייער

זעלטן געפילט א טאָן פון אינערלאכער זיכערקייט און איבער־צייגונג.

דער צוזאַמענפאָר האָט אנטשיידן אָפּגעוואָרפן די ליניע פון די „קאַהאַניסטן". אין דער פראַגע פון די „פועלי־ציון" האָט זייער רעזאָלוציע באַקומען בלויז דריי שטימען. כמעט דער גאַנ־צער צוזאַמענפאָר האָט זיך קאַטעגאָריש ארויסגעזאָגט געגן פאַר־וואַסערן די באַוועגונג מיט ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם. איינ־שטימיג איז אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציע וועגן אַקטיוו זיך אריינמישן אין די יוניאָנס, זען אז די מאַסן זאָלן דאָרט קומען צום וואָרט, און אז זייער טעטיקייט זאָל ווערן סאָציאַליסטיש. איינשטימיג זענען אויך אָנגענומען געוואָרן אַלע איבעריגע רע־זאָלוציעס (וועגן ארבעטסלאָזיגקייט, וועגן די „עקסצעסן" געגן אידן אין פוילן, וועגן קולטור־ארבעט, געגן טעראָר לגבי די קאָ־מוניסטן אין אַמעריקע, וועגן טעראָר אין סאָוועט רוסלאַנד און אנדערע).

האָט זיך טאַקע דער „פאָרווערטס" גלייך צומאָרגנס נוקם געווען אין „פאַרבאַנד": ער האָט אָפּגעדרוקט אזא באַריכט פון צוזאַמענפאָר, אַז דער „וועקער" האָט אים כאַראַקטעריזירט ווי „אַ ביי זווילליג פאַלסיפיצירטן", ווי א „קרימינעלע פעלשונג"; מען האָט אין „פאָרווערטס" געבראַכט די פאָר שטעך־ווערטלאך, וואָס געגנער האָבן געזאָגט, אָבער נישט וואָס מען האָט זיי געענטפערט. מען האָט אפילו די ציפערן וועגן דער צאָל מיט־גלידער און צאָל אַבאָנענטן פון „וועקער" פאַרדרייט...

אויפן צוזאַמענפאָר האָט זיך געפילט אַז בונדישע שטימונגען באַהערשן נאָך כמעט אַלע טוער פון „פאַרבאַנד". וועגן דעם האָבן אין זייערע רעדעס דערמאָנט ה' וויינבערג (וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער „פאָרווערטס־געזעלשאַפט"), ה' דינערשטיין (פון ארבעטער־רינג) און פיל אנדערע. ה' דינער־שטיין האָט צווישן אנדערן געזאָגט: „מיר אַלע, די מיטגלי־דערשאַפט פון ארבעטער־רינג און „פאַרבאַנד", שטאַמען פונם

אַלגעמיינעם אידישן ארבעטער־בונד. אונטער זיין פאָן האָבן מיר זיך געלערנט קעמפן פאַר סאָציאַליזם״. און ווי מען שמועסט האָט דאָס געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל אין די לעצטע ארויס־טרעטונגען פון אַב. קאַהאַן נעגן דעם „בונד״. ס׳איז אַ מין געשטראָפט די טאָכטער און געמיינט די שנור... דורך שלאָגן דעם „בונד״ האָט קאַהאַן געוואָלט טרעפן דעם „פאַרבאַנד״. די סטראַטעגיע איז א גאַנץ ריכטיגע. עס איז נישטאָ קיין בעסערער וועג צו שלאָגן דעם „פאַרבאַנד״, ווי אַרונטעררייסן ביים עולם דעם גלויבן אין בונדיזם. און אויב קיין גרויסע רעזולטאַטן האָבן די אָנגריפן נישט געגעבן, זענען אין דעם נישט שולדיג די אָנגרייפער...

דער אידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד אויך אין אַמעריקע האָט פאַר אונז, בונדיסטן, זיינע פעלערן, פּונקט ווי דער „בונד״ האָט פעלערן פאַר אים. אָבער די אָנשטרענגונגען פונם „פאַרבאַנד״ ארויפצוגיין אויף אַן אויסגעשפּראָכן־סאָציאַליסטישן וועג קאָנען און דאַרפן אַרויסרופן נאָר די וואַרימסטע באַציהונג, די אַקטיווע דערמוטיגונג און מיטהילף סיי פון די בונדיסטן אין אמעריקע, סיי פון גאנצן „בונד״ אין פּוילן.

ניו־יאָרק, דעצעמבער 1931.

„אַ פייג איבער'ן גרענעץ" *)

ארטור זיגלבוים, אַ פאָרשטייער פון דעם װאַרשעװער בוך־פאַרלאַג „קולטור־ליגע" און איינער פון די אָנגעזעענסטע מיט־גלידער פון דער עקזעקוטיװ קאָמיטע פון דעם פּוילשן „בונד", האָט אין אַמעריקע פאַרבראַכט ביי אַ יאָר צייט, פאַרקויפנדיג ביכער אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך. מיט אַ פּאָר װאָכן צוריק איז ער אָפּגעפאָרן צוריק קיין װאַרשע.

אין דער צייט, װאָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, האָט ער זיך איינינגע מאָל געװענדעט צו אונז מיט ביטעס און מיר האָבן זיי ערפילט. מיר האָבן געדרוקט אַן ערקלערונג װעגן אים און זיין שליחות, װעלכע האָט אים פיל געהאָלפן. אַ װאָך פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער אונז געבעטן, מיר זאָלן אָפּדרוקן זיינעם אַ פּערזענלאַכן בריװ — אַן ענטפער צו דער היגער קאָמוניסטישער צייטונג װעגן אַ פאַלשן באַריכט, װאָס זי האָט געדרוקט װעגן זיינער אַ רעדע. מיר האָבן צוערשט אים ערקלערט, אַז דער „פאָרװערטס" ענטפערט קיינמאָל ניט אויף פאַלשע באַריכטן און בלבולים, װאָס װערן געדרוקט אין יענער צייטונג. ער האָט אָבער אונז געבעטן צו מאַכן אַן אויסנאַמע. פאַר אים איז דאָס זייער װיכטיג, האָט ער געזאָגט, און דיזע בקשה זיינע האָבן מיר אויך ערפילט.

אַ טאָג פאַר זיין אָפּרייזן איז ער ספּעציעל געקומען און זיך װאַרים געזעגנט מיט אונז.

פינף טעג נאָך זיין אָפּפאָרן איז אָנגעקומען די װאַרשעװער „פאָלקסצייטונג", דער טעגלאַכער אָרגאַן פון דעם פּוילישן

---

*) „פאָרװערטס" פון 15טן פעברואַר, 1932.

„בונד״, און דארטן, אין דעם נומער פון דעם 15טן יאנואר, האָבן מיר געפונען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון דעם זעלבן ארטור זיגלבוים, וועלכער אנטהאלט אַן עקלהאַפטן פּאַסקוויל אויפ׳ן „פאָרווערטס״ און אויף דער „פאָרווערטס״ רעדאַקציע און אויף אונזער גאַנצער באוועגונג. די קאָרעספּאָנדענץ איז אָנגעפּיקעוועט מיט לעכערלאַך פאַלשע באהויפּטונגען, געגן וועלכע די קאָמוניסטישע ציַיטונג האָט זיך ניט וואָס צו שעמען.

זיגלבוים האָט זיין קאָרעספּאָנדענץ ארויסגעשיקט מיט אַזאַ אויסרעכענונג, אַז דער נומער „פאָלקסציַיטונג״, וואָס וועט איר אַנטהאַלטן, זאָל אָנקומען קיין ניו יאָרק דאַן, ווען ער וועט שוין זיין אויפ׳ן שיף.

צוויי פון אונזערע גענאָסן, וועלכע האָבן די קאָרעספּאָנדענץ געלעזן, האָבן, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט, געמאַכט די זעלבע באמערקונג וועגן דער געשיכטע. זי האָט זיי נעמלאַך ערא׳נערט אָן דעם אַנעקדאָט וועגן דעם אידן, וואָס איז אוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד, און ווען ער האָט זיך שוין געפונען אויף יענער זייט גרענעץ האָט ער דער רוסישער רעגירונג אויסגעשטעלט אַ פייג.

פאַר אונז איז דאָס קיין גרויסע איבערראַשונג ניט געווען. וואָרים זיגלבוים׳ס „פייג״ שטימט מיט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט דאָ געמאַכט פערזענלאַך אין זיינע פריוואַט־געשפרעכן און אין זיינע היגע לעקטשורס.

ה. ערליך, דער רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקסציַיטונג״, האָט, אַלזאָ, דיזן פּאַסקוויל אָפּגעדרוקט, וויסנדיג גאַנץ גוט וואָס פאַר אַ סאָרט סחורה דאָס איז.

אומגעפער מיט אַ יאָר צוריק האָט ערליך אין דער „פאָלקסציַיטונג״ אָפּגעדרוקט אַ באריכט וועגן דער דעבאַטע, וואָס איז אַ לאַנגע ציַיט אָנגעגאַנגען אין „פאָרווערטס״ אין באצוג צו דער פראַגע וועגן די אידישע שולן. יענער באריכט איז אין זיין אויסערלאַכער פאָרמע ניט געווען אַזוי סקאַנדאַליעז, ווי זיגלבוים׳ס קאָרעספּאָנדענץ. ער איז אָבער געווען פּונקט אַזוי דורכגעדרונגען מיט „בלאָף״, ווי מיר רופן דאָס אין אַמעריקע.

די באַציאונג פון ערליכ'ן גופא צום „פאָרווערטס" איז איצט פון דעם זעלבן שניט. מיט אַ געוויסע צייט צוריק האָט ער אָפּגעדרוקט צוויי גרויסע אַרטיקלען וועגן דעם „פאָרווערטס" און זיין רעדאַקטאָר. די אַרטיקלען האָבן ניט דעם ביליגן מעק־לערישן טאָן, וועלכער דרינגט דורך זיגלבוים'ס קאָרעספּאָנדענץ. זיי אַנטהאַלטן אָבער אַ שאַרפע אַטאַקע אויפ'ן „פאָרווערטס", און איר פונדאַמענט האָט פּונקט אַזאַ ממשות און פּונקט אַזוי פיל וואַרהאַפטיגקייט, ווי די דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ. אין קיין איינצלהייטן וועלן מיר זיך דאָ ניט אַריינלאָזן. פאָר וויכ־טיג האַלטן מיר דאָ צו זאָגן בלויז דאָס פאָלגענדע:

ערליך ערקלערט, אַז דער סאָציאַליזם פון „פאָרווערטס" איז ניט דער סאָציאַליזם פון פּוילישן „בונד", און דאָס איז אַב־סאָלוט ריכטיג. דער סאָציאַליזם פון דעם איצטיגן פּוילישן „בונד" איז א ב ס אָ ל ו ט נ י ט אונזערער. דאָס איז דייטלאַך געוועזן פון־דער רעדע, וואָס ערליך האָט געהאַלטן אויף דעם ווינער סאָציאַליסטישן קאָנגרעס, ווען ער און די פאָרשטייער פון דער „אַי על פּי" האָבן זיך געשטעלט אין דער אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג פון דער וועלט. דער סאָציאַליזם, וועלכן דיזע גרויסע אַלוועלטליכע באַ־וועגונג רעפּרעזענטירט, איז דער סאָציאַליזם פון „פאָרווערטס". און דאָס איז, נאַטירלאַך, ניט דער סאָציאַליזם פון היינטיגן פּוילישן „בונד".

גענאָסע ר. אַבראַמאָוויטש, איינער פון די הויפּט־בויער פאַר אַלטן בונד געהערט צו דער זעלבער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג. אויב אין איינציגע איינצלהייטן זיינען פאַראַן מיי־נונגס־פאַרשיידנהייטן איז דאָס אַ נאַטירלאַכע זאַך. די גרונט־פּרינציפּן זיינען אָבער די זעלבע. ביז מיט אַ געוויסע צייט צוריק פלעגט דער „בונד" אויסמיידן אַבראַמאָוויטש'ן צו קריטיקירן. „ערלויבן" אים צו קומען קיין פּוילן האָבן זיי אים ניט „ערלויבט". דעם אונטערשייד צווישן אים און זיי האָבן זיי אָבער אויסגע־מידן צו דערמאָנען. זינט אָבער די ערשיינונג פון אַבראַמאָ־וויטש'עס „אונזער געדאַנק", וועלכן דער „בונד" באַיקאָטירט,

האָט די „פאָלקסצייטונג“ איר געגנערשאַפט און פיינטשאַפט צו אים גענומען ארויסווייזן אָפן און שאַרף.

וואָס אָנבאַטרעפט אונזער באַוועגונג דאָ, זיינען די באַציאונגען פון דעם פוילישן „בונד“ צו אונז די גאַנצע צייט אייגנטלאך געווען געגרינדעט אויף דעם קרעמערישן כלל, אַז „דער גוי איז טריף, נאָר זיין גראָשן איז כשר“. אלץ איז אָנגעגאַנגען אויף אַ העפלאַכן שטייגער, אָבער זינט ערליך׳ס „באַרימטע“ רעדע אויפ׳ן ווינער קאָנגרעס און הויפּטזעכלאך זינט דעם ערשיינען פון גענאָסע אַבראַמאָוויטש׳עס „אונזער גערדאַנק“, האָט זיך די געשיכטע אינגאַנצן געענדערט. און ווירקלאך: לאַנג אָנהאַלטן די צערעמאָניע וואָלט סיי ווי סיי אוממעגלאך געווען.

די פראַגע איז איצט אַ גאַנץ אָפענע: ז י י ע ר ס אָציאַליזם אָדער א ו נ ז ע ר ס אָ צ י אַ ל י ז ם ?

אין וואָס באַשטייט דער אונטערשייד ? אין וואָס באַשטייט דער סאָציאַליזם פון איצטיגן פוילישן „בונד“ ? וואָס לערנט ער די אידישע מאַסן פון פוילן ? ווענן דעם איז זייער וויכטיג די לעזער באַקאַנט צו מאַכן. דאָס וועט געטאָן ווערן אין „פאָרווערטס“ אַזוי שנעל ווי מעגלאך.

ווי אַזוי ד. שוב אינפאָרמירט וועגן „בונד" אין פוילן

1

אין „פאָרווערטס" פון 21טען אפּריל, 1930, האָט ד. שוב, אין זיינע סאָציאַליסטישע נייעס, אָפּגעדרוקט אַ נאָטיץ וועגן בונד אין פוילען. אין דער בונדיסטישער „פאָלקסצייטונג" האָט זיך דאַן געפירט אַ דיסקוסיע איבער דער פראַגע, צי זאָל דער בונד יאָ אריינטרעטען אדער נישט אריינטרעטען אין סאָציאַליסטישען ארבייטער אינטערנאַציאָנאַל. ד. שוב האָט וועגען דעם געשריבען. דער גאַנצער אינהאַלט פון זיין נאָטיץ איז געווען געצילט צו באַווייזען, אַז דער בונד איז האַלב, דריי־פערטעל אדער כמעט אין גאַנצען קאָמוניסטיש. אפילו, זאָגט ער, די „רעכטע" פון „בונד", וועלכע זיינען פאַר אריינטרעטען אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, זיינען „אַ סך לינקער ווי מאַנכע פון די לינקסטע פּאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסען אין סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל".

אין דער זעלבער נאָטיץ ווערט אויך איבערגעגעבען וועגען דעם בריף־אויסטויש צווישען גענאָסע ה. ערליך, פירער פון בונד אין פוילען, און גענ. פרידריך אַדלער, סעקרעטאַר פון ארבייטער אינטערנאַציאָנאַל, צוליב דער שטעלונג פון אייניגע אָנגעזעענע פירער פון אינטערנאַציאָנאַל צום ציוניזם.

אין אַמעריקע איז דאַן געווען יעקב פּאַט, אַן אָנגעזעענער טוער פון בונד אין פוילען, וועלכער האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיג צוקוקען ווי מ'טראָגט אונטער דעם אידישען ארבייטער־לעזער פאַרדרייטע, בייזווילינגע און פּאַרטייאיש־באַאַרבעטע נייעס וועגען „בונד" אין פוילען. ער האָט וועגען דעם אָנגעשריבען אַ בריוועל צום רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס". דאָס בריוועל אינגאַנצען איז אין „פאָרווערטס" נישט ערשינען. ד. שוב האָט אָבער אין זיינע „סאָציאַליסטישע נייעס" פון 28טען אפּריל,

1930, געבראכט אויסצוגען פון דעם בריוועל און עס באגלייט מיט זיינע לאנגע קאמענטארען.

אָט איז די נאָטיץ פון אפּריל דעם 28טען, 1930, ווי זי איז ערשינען אין „פאָרווערטס":

„דער רעדאקטאָר פון „פאָרווערטס" האָט מיר איבערגעגעבען א בריוועל, וואס ער האָט ערהאלטען פון יעקב פּאַט, דעם שליח פון דער צענטראלער אידישער שול־אָרגאַניזאציע אין פּוילען, וועלכער איז אויך אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון פּוילישען „בונד". אין דעם בריוועל באקלאָגט זיך פריינט פּאַט, אַז איך האָב אין מיין איבערזיכט לעצטע וואָך פאָרגעשטעלט אין א פאלשען ליכט דעם „בונד".

— עס האָט מיר זייער וועה געטאָן — שרייבט פריינד פּאַט, — דער ארטיקעל פון פריינט שוב אין „פאָרווערטס" פון 21טען אפּריל. עס איז א בייזוויליגקייט פאָרצושטעלען דעם בונד אלס אַן אָרגאַניזאציע, וואס איז נאָך מיט 2 יאָר צוריק געוועזן א קאָמוניסטישע און ערשט מיט 2 יאר צוריק איז דער קאָמוניסטישער איינפלוס באדייטענד אָפּגעשוואכט געווארען... עס איז פּשוט אַן אויסטראכטעניש, אַז ביז מיט א יאר 4־5 צוריק איז דער בונד געוועזן קאָמוניסטיש, ער האָט ניט איין מאָל געקלאפּט אין טיר פון קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל, בעטענדיג אַז מ'זאָל אים אריינגעמען".

„איין מאָל איז דאָס געוועזן אין יאר 1919, ווען דער בונד האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט'ן קאָמינטערען און מער ניט און פון דאמאלס אָן האָט דער בונד אָפּגעשלאָסען דעם קאַפּיטעל קאָמינטערען.

„ווייטער איז ניט ריכטיג, אַז דער „בונד" האָט זיך געווענדעט צו פרידריך אדלער וועגען ציוניזם, מחמת דאס איז געוועזן וויכטיג צוליב דער פראגע פון אָנשליסען זיך אין אונטערנאציאָנאל. מיט'ן אינטערנאציאָנאל האָט עס נישט געהאָט קיין שום שייכות. גענאָסע ערליך האָט געשריבען צו אדלער'ן אין חודש אָקטאָבער און עס האָט ניט געהאָט דעם מינדעסטען צוזאמענהאנג מיט'ן אָנשלוס אָן אינטערנאציאָנאל.

„אין זעלבען ארטיקעל ווערט דערציילט אפילו וועגען דער מערהייט פון „בונד", אז זי איז לינקער ווי מאנכע פון די לינקסטע פארטייען, וואס זיינען אָנגעשלאָסען אָן דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאל. אין דער זעלבער צייט האָט דער פריינד שוב מיט א בייזוויליגער כונה ארויסגעלאָזען פון פרידריך אדלער'ס בריף צום „בונד" די שורות, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען דעם, אז אין די רייען פון אינטערנאציאָנאל זיינען דאָ א רייע פארטייען, וועלכע שטייען מיט'ן „בונד" אויף איין שטאנדפונקט"...

נו, איך מוז זאָגען, אז פריינד פאַט האָט אדער זייער ניט אויפמערקזאַם געלעזען מיין אַרטיקעל, אָדער ער זוכט פשוט פאָרצושטעלען די זאַך אַנדערש, ווי זי איז אין דער ווירקליכקייט.

איך האָב ניט געזאָגט, אז דער „בונד" איז נאָך ביז מיט 2 יאר צוריק געווען קאָמוניסטיש. איך האָב אויסדריקליך געשריבען, אז ביז מיט אַ יאר 4-5 צוריק איז דער „בונד" געווען קאָמוניסטיש. פריינט פאַט זאָגט, אז, „דאָס איז אן אויסטראַכטעניש". אין די „טעזיסען" אָבער פון דער מאַיאריטעט פון „בונד", וועלכע זיינען אָפּגעדרוקט אין דער ווארשעווער „פאָלקס-ציימונג" פון 28טען מערץ, לעזען מיר:

„ביז'ן יאר 1925 האָט זיך דער „בונד", ווערענדיג אויף דעם שעדליכסטען אופן באַקעמפט פון קאָמינטערען, געפונען אין אידייאישען ווירקונגס-קרייז פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג."

איז דאָס ניט גענוי דאָס זעלבע, וואס איך האָב געהאַט אין מיין ארטיקעל? וויפיל מאָל דער „בונד" האָט געפירט דירעקטע אונטערהאנדלונגען מיט'ן קאמאינטערן ווייס איך ניט.*)

*) באַמערקונג. — פונקט מיט א וואָך פריער, דעם 21טען אַפּריל, האָט דער זעלבער ד. שוב געשריבן אויפ'ן „בונד" פאָלגענדעס: „ער האָט נישט איין מאָל געקלאַפּט אין די טירן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל א. אַז. וו. א. אַז. וו. ווען פאַט האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט — ווייסט ער שוין ניט. — אַז מען ווייסט נישט, שרייבט מען נישט. אַזוי וואָלט געהאַנדלט אַן ערלאכער זשורנאַליסט, וואָס נעמט ערנסט דאָס וואָרט וואָס ער שרייבט.

דער פאקט אבער איז, אז ביז'ן יאר 1925 איז דער „בונד" גע־וועז קאָמוניסטיש און ער איז געווען גרייט אריינצוטרעטען אין קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל, ווען זינאָוויעוו וואָלט אים נאָר ניט געשטעלט אזוינע שווערע באדינגונגען.

וועגן דעם צי ערלאכ'ס בריף צו אדלער'ן וועגן ציוניזם האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער פראגע פון אָנשליסן זיך אָן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועל איך מיט פריינט פאַט'ן זיך ניט אַמפּערן, אָבוואָל איך בין ניט דער איינציגער ביי וועמען ס'האָט זיך געשאַפן אַזאַ איינדרוק פון ערליך'ס בריוו. אָבער דאָס איז אין אַלגעמיין ניט זייער וויכטיג.

פריינט פאַט איז באזונדערס אויפגעבראַכט, וואַרום איך האָב געשריבן, אַז אַפילו די מערהייט פון „בונד" איז נאָך עד היום אויך „לינקער" פון מאַנכע פון די לינקע פאַרטייען, וואָס זיינען אָנגעשלאָסן אָן דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אום אָפּצולייקענען מיין באהויפּטוג, דערציילט ער, אַז איך האָב כלומר'שט „מיט אַ בייזוויליגער כונה ארויסגעלאָזן פון פרידריך אַדלער'ס בריוו די שורות, אין וועלכע ער רעדט וועגן דעם, אַז אין אינטערנאַציאָנאַל איז דאָ אַ רייע פאַרטייען, וועלכע שטייען מיט'ן „בונד" אויף איין שטאַנדפּונקט.

דאָס איז ווידער נישט ריכטיג. איך האָב ניט איבערגע־דרוקט אַדלער'ס אַרטיקל. איך האָב בלויז אין קורצן איבער־געגעבען דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקל און די ווערטער אַד־לער'ס, וועלכע פריינט פאַט דערמאָנט, האָט אַדלער געברויכט בלויז אין פאַרבינדונג מיט דער שטעלונג פון „בונד" צום ציוניזם. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געזאָגט און ניט געקאָנט זאָגן, אַז אַ רייע פאַרטייען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל שטייען אויף איין שטאַנדפּונקט מיט'ן „בונד" און די אַלגעמיינע פראַגן פון סאָציאַליסטישער פּאָליטיק און סאָציאַליסטישער טאַק־טיק (אונטערגעשטראָכן פון אונז — רעד.), ווי צ. ב. אין די פראַגן וועגן קאָאַליציע, וועגן דער מעגלאכקייט פון אַ פאַר־אייניגטן פראָנט מיט די פאַרטייען פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל אָדער וועגן „פאַרוואַנדלען דעם אינטערנאַציאָנאַל אין

אַן אינסטרומענט פון דער אינטערנאַציאָנאַל סאָציאַל־רעוואָלו־ציע" (ווי עס שטייט געשריבן אין די „טעזיסן" פון דער מאַיאָ־ריטעט פון „בונד").

וואָס אַדלער האָט יע געזאָגט איז, אַז דער „בונד" לײדט נאָך אַלץ פון די לינקע שטימונגען, פון וועלכע פילע פּאַרטייען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אין די פריערדיגע יאָרן געליטן.

גענוי דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געשריבן. אומזיסט זוכט פריינט פּאַט אַריינצולעגן מיר אין האַרצן בייזוויליגע געפילן צום „בונד". איך בין אַלע מאָל געווען אַן אויפריכטיגער פריינט פון „בונד". איך שעץ זייער הויך די גרויסע קולטורעלע אַרבעט פון „בונד". כ'האָב דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר זיינע פירער. איך באַוואונדער זייער ענערגיע, זייער אידעאַליזם און זייער איבערגעבנהייט צו די אינטערעסן פון די אידישע אַר־בעטער, אָבער צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, אַריינרעכענענדיג אויך פילע פון די עלטסטע מיטגלידער פון „בונד" גופא, האַלט איך, אַז די לינקע טאַקטיק פון בונד איז געווען אַ פאַלשע און אַז דער איינפלוס פון „בונד" אין פּוילן וואָלט היינט צו טאָג געווען אַ סך אַ גרעסערער, ווען ער וואָלט פון אָנפאַנג אָן, ווי די פּוילישע רעפּובליק איז געגרינדעט גע־וואָרן, ניט פאַרקראָכן אויף די קרומע וועגן פון קאָמוניזם.

צוזאַמען מיט גענאָסע וויקטאָר אַלטער'ן, איינעם פון די „רעכטע" פירער פון „בונד", וויל איך האָפן, אַז דער „בונד" וועט ענדלאַך „פאַרלאָזן די ביז איצטיגע פאַרפּלאָנטערטע וועגן פון איינזאַמע זוכענישן און אַרויפגיין אויפ'ן ברייטן שליאַך, אויף וועלכן עס מאַרשירן די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס געהערן צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

***

אַלזאָ, לויט שוב'ס באַהויפּטונג האָט פרידריך אַדלער אין זיין בריוו צו ערליכ'ן „נישט געקאָנט זאָגן" און „נישט גע־זאָגט", אַז אין סאָצ. אינט. געפינען זיך אַזעלכע „לינקע" פּאַר־טייען ווי דער „בונד" אין פּוילן. דאָס איז שוב'ן נויטיג כדי

צו באוויזן די קאָמוניסטישקייט פון בונד. קיינער וועט דאָך נישט זאָגן, אַז אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל געפינען זיך קאָמוניסטישע פּאַרטייען. ברענגען מיר דעריבער דעם גאַנצן אָריגינעלן בריוו פון פרידריך אַדלער, ווי ער שרייבט בפירוש אַז אין אינטערנאַציאָנאַל זיינען יאָ דאָ אַזעלכע פּאַרטייען ווי דער „בונד״. שוב, וועלכער האָט אין „פאָרווערטס״ פון 21טן אַפּריל, איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון גאַנצן בריוו, האָט עס נישט געקאָנט נישט באַמערקן. געשריבן האָט ער אָבער אַנ־דערש.

פרידריך אַדלער׳ס בריוו.*)

חשוב׳ער חבר!

„אייער בריוו איז אָנגעקומען אין סעקרעטאַריאַט דעם 24טן סעפּטעמבער, בעת איך האָב זיך גראָד געפונען אין אויסלאַנד. לײדער האָב איך ערשט איצט די מעגלאַכקייט צו ענטפערן אויף אייער אויספירלאַכן בריוו.

„איך וועל מיטטיילן אייער בריוו צו די מיטגלידער פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער מיין ענטפער קאָן איך שרייבן ניט אַלס סעקרעטאַר פון ס. א. אי., נאָר בלויז אויף מיין פּערזענלאַכער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. וועגן אייערע אָנקלאַגעס געגן באַזונדערע מיטגלידער פון אונזער עק־זעקוטיווע קאָן איך אייך איבערהויפּט גאָרנישט זאָגן, ווייל מיין שטעלונג אַלס סעקרעטאַר פון ס. א. אי. דערלויבט מיר נישט זיך אַרויסצוזאָגן וועגן דעם פּאַר חברים, וואָס שטייען אויסער דעם ס. א. אי. דאַגעגן איז אפשר נישט איבעריג צו כאַראַק־טעריזירן דעם פּרינציפּיעלן תוך פון דער פראַגע. דאָס איינ־פאַכסטע וועט זיין, ווען איך וועל אייך איבערשיקן די קאָפּיע פון אַ בריוו, וועלכן איך האָב דאָ נישט לאַנג געשריבן צו די חברים פון איינער פון די אָנגעשלאָסענע פּאַרטייען, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פון אונז אַן אַקציע אין דער פראַגע פּאַלעסטינע, און

*) אַרויסגעגנומען פון „וועקער״, שבת, 3טן מאַי, 1930.

וואו איך האָב אויפגעקלערט די לאַגע, אין וועלכער דער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל געפינט זיך לגבי דער דאָזיגער פּראָבלעם. איר זעט פון דער דאָזיגער אויפקלערונג, אַז ס'איז נישט פאַראַן אין דער פראַגע וועגן ציוניזם אין פּאַ־לעסטינע קיין אָפיציעלער באַשלוס פון ס. אַ. אי., און אַז ס'איז דעריבער אַ מיספאַרשטענדניש, אַז אַ וועלכער נישט איז מיט־גליד פון ס. אַ. אי. זאָל זיין אימשטאַנד אָפּצוגעבן וועגן די דאָזיגע פראַגן דערקלערונגען „אין נאָמען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל".

„אייער בריוו האָט מיר אָבער אויך נאָך אַ מאָל געבראַכט צום באַוואוסטזיין, אַז דער פאַקט, וואָס דער „בונד" האַלט זיך נאָך אַלץ פון דערווייטנס פון דער מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון אינ־טערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, וועלכע באַקומט איר אויסדרוק אין ס. אַ. אי., איז אַ שאָדן נישט נאָר פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, נאָר אויך פאַר'ן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל. עס וואָלט געווען פריער פאַר אַלץ אייער אייגענע אויפגאַבע צו פאַרטרעטן אין די ראַמען פון ס. אַ. אי. די אינטערעסן פון די גרויסע מאַסן פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס געפינט זיך אויסער פּאַלעסטינע, און איר דאַרפט זיך נישט וואונדערן, אַז עס ענטשטייען אויף דרויסן מיספאַרשטענדנישן, ווייל איר העלפט ניט מיט, אַז דער נישט־ציוניסטישער טייל פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט זאָל באַקומען אין ס. אַ. אי. די פאַר־טרעטונג וועלכע ס'קומט אים.

ווי איר ווייסט, האָט די עקזעקוטיווע פון ס. אַ. אי. אין אויגוסט 1928, אין דער רעזאָלוציע וועגן די פּוילישע פּאַרטיי־פאַרהעלטנישן דערקלערט:

„זי (די עקזעקוטיווע) ווייזט ענדלאַך אָן אויף דער וויכטיג־קייט צו געווינען אויך דעם אידישן אַרבעטער בונד פאַר אַן ענגן צוזאַמענווירקן מיט די אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען פון פּוילן און פּאָדערט אויף דעם סעקרעטאַריאַט, אַז אין פאַל, ווען דאָס אַלץ זאָל זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיג, זאָל

ער אין פאַסיגן מאָמענט פאָרשלאָגן זיין פאַרמיטלונג צו דעם דאָזיגן צוועק.

„איך האָב ביז איצט נישט אויסגעפירט דעם דאָזיגן אויפטראָג, ווייל איך ווייס אַז אייער פּאַרטיי ליידט נאָך פון די רעזולטאַטן פון יענע שטימונגען, פון וועלכע זייער פיל פּאַרטייען פון ס. אַ. אי. האָבן אין די פריערדיגע יאָרן געליטן. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אויך אין אייער פּאַרטיי דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען ס'וועט זיין די פאַרשטענדניש, אַז דער שטרייט צווישן פאַרשיידענע טענדענצן, וועלכע מען באַצייכנט אויבערפלעכלאך אַלס „לינק" און „רעכט", ווען ער ווערט געפירט מיט דער כונה צו קרעפטיגן דעם אַרבעטערקלאַס, קאָן אויסגעשטריטן ווערן בלויז אין די ראַמען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. איר קאָנט, נאַטירלאך, נישט דערוואַרטן, אַז דער גאַנצער ס. אַ. אי. זאָל זיך האַלטן ביי אייער מיינונג. איר קענט, לויט מיין איבערצייגונג, אויך נישט וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אין דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט וועט נישט פּאַרקומען אַן אַנטוויקלונג, וואָס וועט אים ברענגען אין פולן איינקלאַנג מיט אייערע בליקן; אָבער איר ווייסט זייער גוט, אַז אינים ס. אַ. אי. איז פאַראַן אַ רייע פּאַרטייען, וואָס שטייען זייער נאָענט צו אייערע אָנשויאונגען, אַז איר וועט אינים ס. אַ. אי. בשום אופן נישט זיין פאַראייזאַמט, אַז דורך אייער אָנשלוס וואָלט איר גראָד געשטאַרקט יענע פּאַרטייען, וואָס שטייען נאָענט צו אייערע אָנשויאונגען.*)

„איך בין אַלעמאָל ארויסגעגאַנגען פון דער איבערצייגונג, אַז נישט דער פאַרנינפטיגער קאַמף פון אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען פיינטלאך איינע אַנטקעגן דער צווייטער, נאָר דער גייסטיגער קאַמף אין די ראַמען פון דער געמיינזאַמער אָרגאַניזאַציע ברענגט דער זאַך פונ'ם אַרבעטער־קלאַס דעם גרעסטן נוצן. ביי אַט דעם גרונט־בליק האָב איך זיך אַלעמאָל געהאַלטן אין מיין טעטיגקייט אין דער עסטרייכישער אַרבעטער־באַוועגונג און

*) אונטערגעשטראָכן פון אונז. — רעדאַקציע.

שפּעטער אין אינטערנאַציאָנאַל. מיינע פּערזענלאכע בליקן וועגן די אויפגאַבן פון אינטערנאַציאָנאַל האָב איך אנטוויקלט דאָ נישט לאַנג אין אַ בראָשור, וועלכע איך שיק אייך גלייכצייטיג איבער. איך האָף, אַז איר וועט זיך פון איר איבערצייגן, אַז ס׳איז פאַראַן אין ס. אַ. אי. פּלאַץ פאַרן „בונד" אויך, און אַז ס׳וואָלט געווען זיין חוב צו נעמען אינגיכן אַ ווירקלאכן אַנטייל אין דער געמיינזאַמער אַרבעט. *)

.2

פון „פאָרווערטס”, אָקטאָבער 28, 1931.

צווישען דעם „בונד” אין פּוילן און די רעכטע פּועלי ציון פון פּוילן גייט די לעצטע צייט אָן אַ שטיקל מלחמה איבער דער פּאַרטרעטערשאַפט פון די ביידע פּאַרטייען אויפ׳ן סאָציאַליסטישן אינטערנאציאנאל. אויף דעם קאָנגרעס אין ווין האָבן די פּועלי ציון געהאט פינף שטימען און דער „בונד” פון פּוילן נאָר צוויי. טענה׳ט די וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג”, אַז דאָס איז ניט יושר׳דיג. דער „בונד” אין פּוילן איז ניט אין אַן ערך שטאַרקער פון די פּועלי־ציון. די פּועלי־ציון, זאָגט די „פאָלקסצייטונג”, האָבן, ערשטנס, ניט יושר׳דיג פאַרכאַפּט דעם סאָציאַליזם אין אַ גאַנצן לאַנד, אין פּאַלעסטינע; צווייטנס, האָבן זיי אין זייער באַריכט צום קאָנגרעס אַנגעגעבן, אַז זיי האָבן כלומרשט אין פּוילן אַליין 5,000 מיטגלידער, בעת אין דער אמת׳ן פאַרמאָגן זיי אַ סך ווייניגער פון דער צאָל.

דער אָרגאַן פון די רעכטע פּועלי־ציון אין פּוילן, די „באַפרייאונג־אַרבעטער שטימע”, ענטפערט אויף דעם, אַז דער „בונד” אַליין האָט אויך אין זיין באַריכט צום קאָנגרעס אָנגעגעבן ניט קיין ריכטיגע ציפערן.

„דער „בונד”, שרייבט די צייטונג פון די פּועלי־ציון, האָט אָנגעגעבן זיין מיטגלידער צאָל אין דעם באַריכט צום אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן סוף מאַי, אַלס 15 טויזנט, בעת דער בונדישער פּאַרטרוילער פּאַרטיי־צירקו־

*) אונטערגעשטראָכן פון אונז. — רעדאַקציע.

לאר נומער 25 פון אפריל, 1931, גיט אָן די מיטגלידער־צאָהל פון „בונד" אויף 8,840. אפשר וואָלט ער זיך אויך גענומען די מיה אויפצוקלערן, פארוואָס די אָנגעגעבענע צאָל 30,000 פראָפעסיאנעל־אָרגאַניזירטע מיטגלידער־צאָל אין דעם באריכט צום קאָנגרעס שטייט אין אזא בולט'ן ווידערשפרוך צו די ציפערן פון דער צענטראל־קאָמיסיע פון די פראפעסיאנעלע קלאסן־פאראיינען ? !"

די „פאָלקסצייטונג" וועט ווארשיינליך ניט בלייבן שולדיג דער פועלי־ציוניסטישער צייטונג אן ענטפער. די גאַנצע פאָלעמיק אָבער, צווישן די צוויי אידישע פארטייען, וואס זיינען ביידע פארטראָטן אין איין סאָציאַליסטישן אינטערנאציאנאל, מאכט א פיינלאכן איינדרוק. איבער וואס מען רייסט זיך עס ארום !...

* * *

און אָט וואס חבר נח. איינער פון די עלטסטע און אָנגעזועענסטע פירער פון „בונד", אין וועמעס ערליכקייט, אויפריכטיגקייט און אמת'דיגקייט קיינער צווייפלט נישט, שרייבט וועגן אָט דעם נאָטיץ (אַרויסגענומען פון אַ פריוואַטן בריוו) :

„וועגן שוב'ס אַ נאָטיץ אין זיינע „סאָציאַליסטישע נייעס" האָב איך אָנגעשריבן א בריוו אַב. קאהאנ'ען, אין וועלכן איך האָב געבעטן ער זאָל אביסל איינהאלטן זיין מיטארבעטער, ווייל ער ווייסט נישט ר"ל וואָס ער דבר'ט. כדי אונז אַ שטאָך צו טאָן, האָט דער „אוטשאָני יעווריי", דער „סאָצ.־ספעץ" אויסגעטראכט א מעשה, אז דער „בונד" אין פוילן פירט אַ מלחמה מיט די פועלי ציון רעכטע וועגן רעפרעזענטאנץ אויפ'ן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאל, בעת יעדערער ווייס, אז די רעכטע פּ. צ. אין פוילן זיינען אפילו נישט רעפרעזענטירט אין אינטערנאַציאָנאל, מחמת אין אינטערנאַציאָנאל זיינען רעפרעזענטירט נאָר די פּ. צ. פון פאלעסטינע."

דער, וואָס קאָן ח' נח'ן און ווייס ווי פּאָרזיכטיג, ערענסט און ערלאַך ער איז מיט יעדן וואָרט זיינעם, וועט זיכער וויסן ווי אָפּצושאַצן די באַדייטונג אין דעם מיין פון ד. שוב'ס נאָטיץ.

אַז מ'דאַרף אָבער געבען אַ שטאָך דעם „בונד" איז דאָך ניט שייך — מעג מען אַפילו אריינבראָקן אַ זאַך וואָס איז נישט אמת.